STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02435

PILEN TSUM LAKHEN

Charles Hollinger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּילען צום לאכען

סצענקעס

הומאָרעסקעס

וויצען

UNITED WORKERS COOPERATIVE ASSOCIATION
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.

פון טשארלס האָללינגער
(שבתי זאַבאַצקי)

Accommodating Press, 242 East Broadway, N. Y. C.

Copyrighted, 1924
by Charles Hollinger

892.47 ה A-1843

אויטאָביאָגראַפיע

געבאָרען בין איך געוואָרען דעם 3טען יאנואר, 1890, אין סטאראזשינעץ, בוקאָווינא. געבאָרען געוואָרען בין איך — ווי אלע מענשען — אין א בעט, אָבער ניט א בעט ווי אלע בעטען! ווייל אלע בעטען האָבען דאָרטען דאן געהאט צו פיער פיסלאך, אָבער מיין בעט האָט בלויז געהאט דריי פיסלאך. איין פיסעל איז ביי איר פון עלטער נעבעך פאראליזירט געוואָרען, און זי האָט זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט א פעסעל אָנשטאָט א פיסעל. כאָטש מיין פאָטער, שמואל, איז געווען א קירזשנער, בין איך דאָך געבאָרען געוואָרען אָהן א היטעל. ווען איך בין אלט געוואָרען אכט יאָר, איז מיין מוטער, לאה, געשטאָרבען, און פון דאן אָן האָט זיך אָנגעהויבען מיין ווייצלערישע קאריערע. כאָטש דער ים האָט זיך פאר מיר ניט געשפאָלטען, בין איך דאָך

אין 1905 געקומען א טרוקענער אין דער דאמאלסט נאסער אמעריקא, מיט א שווערען באגאזש פון וויצען. און וואו איך בין נאר געוועז, האט מיר קיינמאל ניט געפעלט — קיין צרות; איך בין אויך קיינמאל עלענד ניט געווען, ווייל דער שלים-מזל איז אלע מאל מיט מיר מיטגעגאנגען, מיטגעלאפען, מיטגעפארען און מיטגעפלויגען. חתונה געהאט האב איך אויף א שפאס, אבער אויסגעלאזען האט זיך דאס גאנץ ערנסט.

קינדער מיינע, אויב איך וועל אייך ניט איבערלאזען קיין געלד, דערפאר אבער וועל איך אייך איבערלאזען מיינע ביכער, און מיינע ביכער וועלען זיין א סך בעסער פון געלד, ווייל געלד גייט אוועק, אבער מיינע ביכער וועלען ליגען און ליגען!

אייער טשארלס האללינגער, (שבתי זאכאצקי.)

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx ...
No. ...
COOPERATIVE

איינזאַמקייט

(געווידמעט מיין קאָזין דזשאָדש האָללינגער, קאַנאַדאַ)

פּערזאָנען: לענדלאָרד און טענענטס.
צייט: 4 אזייגער פארטאָג.
פּלאַץ: ביים לענדלאָרד אין הויז.

לענדלאָרד (רעדט פון שלאָף): — הייזקעס, מאָרטגיידזש, רענט רייזען, אַפּיעלען אין קאָורט, מופּצעטעל (ער דערהערט ווי מען קלאַפּט אין טיר) ווער קלאַפּט דאָרטען, ווער?

מאַשמעלאַן: — איך, אייער טענער פון טאָפּ פלאָר.

לענדלאָרד: — וואָס ווילט איר אזוי פרי? ס'איז גאָ יוז, כ'על ניט פּיינטען, כ'על ניט פּייפּערהייינגען, אפילו דעם סינק וועל איך אייך אויך ניט פיקסען!

מאַשמעלאַן: — חס ושלום, איך פארלאַנג דאָס גאָר ניט פון אייך.

לענדלאָרד (שרייט): — וואָס זשע ווילט איר אזוי פרי?

מאַשמעלאַן: — עפענט די טיר וועל איך אייך דערציילען.

לענדלאָרד (כאַפּט אויף זיך די הויזען גייט עפענען די טיר): — „גאָדעמיט!" וויפיל מע רייזט אייך איז ווינציג, (עפענט די טיר) וואָס ווילט איר?

מאַשמעלאַן: — גוט מאָרגען, מיסטער זייפענזידער.

לענדלאָרד (בייז): — גוט מאָרגען, גוט יאָר, א „ניורוו" מיך אויפצואוועקען אזוי פרי!

מאַשמעלאַן (מיט הכנעה): — כ'האָב געמוזט, כ'האָב מורא געהאַט וואַרטען ביז אין דער פרי, טאָמער וועלען די טענערס אויפשטיין און דערזעהן, כ'האָב געמוזט.

לענדלאָרד: — וואָס הייסט געמוזט? מ'האָט אייך גע־צוואונגען פון דער „ליעג אָוו ניישאַנס?"

מאַשמעלאַן: — מיסטער זייפענזידער, איר האָט אונז נעכטען מודיע געווען, אז פונ'ם ערשטען וועט איר אונז רייזען אכט דאָלאר אויף דעם רענט. האָבען זיך אלע פינף טענער צוזאמענגענומען און געגרינדעט א טענאַנט ליעג און מיך אויס־

געקליבען פאר פרעזידענט.

לענדלאָרד (בייז): — און אויף דערויף האָט איר מיך אויפגעוועקט אזוי פרי כדי אָנצוזאָגען די בשורה, שפּעטער האָט איר קיין צייט ניט געהאַט?

מאשמעלאן: — ענטשולדיגט, איך בין דאָך געקומען אייך געבען די רענט מיט דעם רייז, איך בין דאָך פרעזידענט פון דער ליעג פאַסט ניט אז זיי זאָלען וויסען.

לענדלאָרד: — אַלרייט, איך וועל אייך געבען א שאָו (עס הערט זיך א שאַרכען ביים פענסטער, דער לענדלאָרד קוקט זיך אום, שרייט אויס) העי! ווער פּאָרעט זיך דאָרטען אויפ'ן פייער עסקייפ?

א שטילע שטימע: — איך, ברוך ברוכבאנד, אייער טענער פון פערטען פלאָר.

מאשמעלאן (שטייט און ציטערט): — פּליעז, מר. זייפענווידער, וואָס טוט מען, וואו באהאַלט מען זיך?

לענדלאָרד (שטיל): — גייט אריין אין באָד־רום.

ברוכבאַנד (קראַצט אין פענסטער): — עפענט אויף.

לענדלאָרד (גייט עפענט דאָס פענסטער): — וואָס ווילט איר דאָ אזוי פרי?

ברוכבאַנד: — איר האָט אונז נעכטען מודיע....

לענדלאָרד (שלאָגט אים איבער): — מיר ווייסען שוין, מיר ווייסען שוין!

ברוכבאַנד: — אלזא מ'האָט מיך אויסגעקליבען פאר וויס פרעזידענט.

לענדלאָרד: — טאָ צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסען? ס'ארא חוצפה, קריכען ביינאכט ביי יענעם אויפ'ן פייער עסקייפ, קיין צייט ניט געהאַט מיר אָנצוזאָגען די בשורה אין דער פרי?

ברוכבאַנד: — גלויבט מיר, איך בין ניט שולדיג, איך האָב ניט געוואָלט, זיי האָבען מיך מיט געוואַלט געמאכט פאר'ן וויס פרעזידענט, איך זאָל אזוי זיין א טאטע צו מיינע קינדער.

לענדלאָרד: — מ'גלויבט אייך, מ'גלויבט אייך!

ברוכבאַנד: — איך בין אומיסטנע אויפגעשטאַנען פאר־

טאג, כדי קיינער פון די טענערס זאל מיך ניט באמערקען, און איך געבראכט די רענט מיט'ן רייז, אבער פליעז, זאל זיין בסוד.

לענדלארד (נעמט דאס געלד): — וואס פאר א סוד? פאר וועמען האט איר מורא? (עס הערט זיך א קלאפ אין בעד רום, באלד דערהערט זיך א קוויטש פון דעם לענדלארד'ס פרוי) אוי, ווער איז דאס!? (דער לענדלארד לויפט צו, שרייט אויס) ווער קריכט דאס צו מיין פרוי?

האלזבאנד: — זאל מיך גאט שטראפען, וואס הייסט איך קריך צו אייער פרוי? איך האב דאנקען גאט מיינע אייגענע צרות, איך בין נאר.....

לענדלארד (בייז): — טא וואס טוט איר ביי מיין פרוי אין בעט?

האלזבאנד:— איך בין געקומען אייך...

לענדלארד (שרייט): — קריכט ארויס פון בעט דערווייל, איר וועט מיר נאכהער דערציילען. (דער לענדלארד גייט ארויין אין דייגינג רום און זעהט ווי ברוכבאנד שטייט און ציטערט, צייגט ער אים אז ער זאל גיין באהאלטען זיך אין קיטשען. ברוכבאנד אפ אויף די שפיץ פינגער).

האלזבאנד (קומט ארייין, די הויזען זיינען ביי אים פול מיט פעדערען): — איר האט אונז נעכטען געלאזט וויסען, אז איר....

לענדלארד (אומגעדולדיג): — אלזא, וואס זשע ווילט איר?

האלזבאנד: — מ'האט מיך אויסגעקליבען פאר'ן סעקרעטער.

לענדלארד (בייז): — ווער דארף דאס וויסען?

האלזבאנד: — איך האב אבער באשלאסען אייך ברייגגען די רענט מיט'ן רייז איידער עמיצער שטייט אויף, אט האט איר דאס. (**גיט אים דאס געלד.**)

לענדלארד (נעמט דאס געלד, קוקט זיך ארום, שרייט אויס): — **אי, ווער בויערט דארט דעם סילינג?**

א שטימע: — איך, אייער טענער, בעריש בלאזער, פון צווייטען פלאר, וואס וואוינט איבער אייך, וויל אייך געבען די

רענט אז קיינער זאָל ניט זעהן.

לענדלאָרד (אין כעס): — איך נעם ניט איצט קיין רענט, איר האָט דאָך שוין געמאכט א גאנצע לאָך אין סילינג, איכ'על אייך קלאָגען פאר דעמעדזשעס!

די שטימע (מיט געבעט): — איכ'ל אייך באצאָלען אלעס, אבי נעמט די רענט.

לענדלאָרד: — איך נעם ניט קיין רענט דורכ'ן סילינג, איר זייט ניט קליין ארונטערצוקומען!

די שטימע: — אָלרייט מר. זייפענזידער, איך קום גלייך ארונטער.

האלזבאנד (שטייט און ציטערט): — פליעז, מר. זייפענ־זידער, באהאלט מיך ערגעץ, אז מ'זאָל מיך ניט זעהן!

לענדלאָרד (ווייזט אים מיט'ן צייג־פינגער): — באהאלט זיך אונטער שאפע.

האלזבאנד: — איך דאנק אייך. (ער קריכט אריין צווישען דער שאפע און וואנט.)

בלאזער (קומט אריין): — פארשטייט איר, מר. זייפענ־זידער, מ'האָט מיך אויסגעקליבען פאר'ן קעשיער, אבער איך האָב באשלאָסען בעסער צו געבען...

לענדלאָרד (שלאָגט אים איבער): — מיר ווייסען אלעס, ניט אהער די רענט מיט'ן רייז און וואָס ס'וועט קאָסטען פיקסען דעם סילינג, וועל איך אייך לאָזען ווייסען מאָרגען.

בלאזער (נארישעוואטע): — וואו איז דאָס געהערט גע־וואָרען אז א טענער זאָל פיקסען דעם לענדלאָרד דעם סילינג?

לענדלאָרד (בייז) — מאכט ניט קיין טענות (ער שפרינגט אויף פון אָרט) אי וואָס פאר א כאָלעריע איז דאָרטען, ווער הויבט דאָס דעם קארפעט? (דער קארפעט האלט זיך אין איין רוקען און הויבען, ברוך בלאָזער ווערט א פארציטערטער.)

א פארדומפּפטע שטימע: — איך, אייער טענער פייסע פאכמען, וואָס וואוינט אונטער אייך אויפ'ן סטופ, איך וויל אייך געבען די רענט מיט'ן רייז.

לענדלאָרד (אויפגערעגט): — וואָס פאר א שווארץ יאָר איז דאָ? איר וועט דאָך מיר פטר'ן די גאנצע הויז! דער

בויערט דעם סילינג; דער מאַכט לעבער אין פלאָר און דער קריכט צו מיין ווייב אין בעט, וואָס טוט זיך דאָ? (דער לענדלאָרד הויבט אויף דעם קארפעט, זעהט ווי עס שטופט זיך א האַנט מיט א זשמוט געלד.)

די שטימע: — נעמט די רענט.

לענדלאָרד (מיט כעס): — די רענט וועל איך נעמען? א מכה וועל איך נעמען! קומט ארויף און זעהט וואָס איר האָט געמאַכט פון פלאָר!

די שטימע: — איך קום גלייך ארויף.

בלאָזער (ציטערענדיג): — פליעז, מר. לענדלאָרד, גיט מיר א פלאַץ וואו זיך צו באַהאַלטען.

לענדלאָרד (אויפגערעגט): — וואָס איז דאָ, א באָרדינג הויז? גייט אריין אין שלאָפצימער פאַר א ווייל. (בלאָזער אָפּ. עס הערט זיך קלעפּ אין דער וואַנט. דער לענדלאָרד שרייט): — איי, ווער ברעכט מיר די וואַנט?!

א שטילע שטימע: — איך אייער טענער פון נעקסט דאָר, וויל אייך געבען די רענט מיט'ן רייז.

לענדלאָרד (שרייט): — פאַגראַמשטשיקעס וואָס איר זייט, איר צוברעכט דאָך מיר די הויז אויף שטיקלאך, עס וועט באַלד ניט זיין פארוואָס צו נעמען רענט! (די וואַנט גיט א ציטער, דער לענדלאָרד גיט א קוק, א שטיק וואַנט פאַלט איין גלייך אויפ'ן לענדלאָרד, תנחום טרעגער פאַלט אויף דער וואַנט, אין איין האַנט האַלט ער געלד און מיט דער צווייטער האַלט ער צו די הויזען. דער לענדלאָרד שרייט אויס): — גוואַלט, אידען, ראַטעוועט! (עס לויפען זיך צוזאַמען די באַהאַלטענע טענערס פון אַלע ווינקעלאך, זיי שלעפּען ארויס דעם לענדלאָרד קוים א לעבעדיגען, ער אוי'קעט און קרעכצט. מען זעצט אים אויף א ביינקעל, ער זאָגט מיט א שטילער שטימע): — גזלנים, וואָס האָט איר געהאַט צו מיר, דאָס הויז מיר צוברעכען, מיין ווייב איבערגעשראָקען און מיך אליין שיער דער'הרג'עט!

אַלע טענאַנטס מיט אמאָל: — זייט אונז מוחל, מיר האָבען ניט געמיינט קיין בייז.

לענדלאָרד (זיפצט אָפּ): — גוט וואָס דער גאַנצער ליעג

איז דאָ. קלייבט אייך אויס איינעם, וואָס זאָל ארומגיין און קאָלעקטען ביי אייך פאר די דעמעדזשעס וואָס איר האָט מיר דאָ געמאכט, וואָרים אז ניט, וועט איר נאָך אַלע ביי מיר גיין פון די רומס אין סטריט און פון סטריט וועט איר קריגען א סאַמאָנס גלייך אין קאָורט און די כאַלעריע וועט אייך אַלע נעמען, באנדיטען וואָס איר זייט! (די טענאַנטס ווערען רויט, לאָזען ארונטער די אויגען און רוקען זיך איינציגווייז ארויס).

א קריטיק פון פרץ ווערניק אין „מאָרגען זשורנאַל.“

דער „הומאָריסט“ האָט שוין דערלעבט זיין פיערטען נומער און די ערשיינונג הערט שוין אויף צו זיין א ליטעראַרישע נייעס. די גרעסטע זאַך און די בעסטע אין דעם מאַי נומער איז דער איין־אקטער „אייניגקייט“ פון טשאַרלז האַללינגער, וואָס שטעלט פאר ווי שכנים פיהרען דורך א קאונטער־רעוואָלוציע געגען אַן אַפּמאַך ניט צו צאָהלען קיין רענט. אנדערע וויצען און צייכנונגען „געהען מיט“ פאר אזעלכע אומעטיגע צייטען ווי איצטיגע.

---o---

ביים טעלעפאָן

קוגעל: — העללאו, אָפּערייטאַר? העללאו אָפּערייטער, העללאו בייסטער, העללאו פינישער, העללאָו! וואָס איז דאָס פאר א שווארץ יאָר מיט דעם טעלעפאָנטשיק! (קלאַפּט) העללאָו, העללאָו!

א שטימע: — ווהאַט דו יו וואָנט?

קוגעל: — איר האָט זיך קוים דערמאָנט? אי וואָנט וואָן, טו, טרי, פאָר, נאַטהינג, שפּרינגג!

א שטימע: — ווהאַט?

קוגעל: — גיוו מי וואָן, טו, טרי, פאָר, נאַטהינג, שפּרינגג! נאַטהינג שפּרינגג, שפּרינגג נאַטהינג, אז צושפּרונגען זאָלט איר שוין ווערען!

דראַגיסמאַן: — סעי, מיסטער, וואָס מאכט איר אזעלכע

גוואַלדען, וואָס?

קוגעל: — ווער מאַכט גוואַלדען, ווער? איך וויל ריידען צו מיין קאַזין, וויל איך ריידען. אזוי רייד איך שוין אַ האַלבע שטונדע, און איך רייד און רייד אזוי ווי צו דער וואַנט!

דראַגיסמאַן: — גיט מיר דעם טעלעפאָן נומער, וועל איך טרייען אייך קאָנעקטען מיט אייער קאַזין.

קוגעל: — עס איז ניטאָ וואָס צו קאָלעקטען, איך באַדאַרף אים עפּעס דערציילען, דאָטס־אָלל!

דראַגיסמאַן: — טאָ גיט אהער דעם נומער!

קוגעל: — נאַט!

דראַגיסמאַן: — העללאָו, סענטראַל, קאָנעקט מי וויטה 12340 ספּרינג.

סענטראַל: — אָלל רייט, טהענקס.

דראַגיסמאַן (צו קוגעל'ן): — האַלט דעם ווייער.

קוגעל: — איך וויל ניט ריידען צו מייער, איך דאַרף ריידען צו בעריש'ן... העללאָו, בעריש! דאָס ביזטו בעריש? עס קאָן ניט זיין, עס גלויבט זיך מיר ניט.

בעריש: — דאָס בין איך בעריש. ווער זייט איר?

קוגעל: — איך בין דיין קאָזין שבתי קוגעל.

בעריש: — וואָס איז נייעס, שבתי?

שבתי: — האָסט ניט געהערט?

בעריש: — וואָס?

שבתי: — מען האָט היינט מיין שוויגערביידע פיס ארונטערגענומען!

בעריש: — טאַקע? ווי אזוי איז דאָס געשעהן?

שבתי: — זי איז געפאָהרען אין אַ קאַר (וויינט)

בעריש: — נו?

שבתי: — און האָט ארויפגעלייגט ביידע פיס אויף אַ טשער (וויינט שטאַרקער)

בעריש: — נו? נו?

שבתי: — נו, איז צוגעקומען דער קאָנדוקטאָר און האָט איר ארונטערגענומען ביידע פיס....

בעריש: — טפו זאָלסטו ווערען!....

שלום געמאַכט

(אַ קאָמעדי אין איין אַקט און איין סצענע.)

פּערזאָנען:

לואי לאַקש.

דזשעני, זיי פרוי.

געסט.

די סצענע קומט פאָר ביי לאַקש'ען אין הויז. מיסטער און מיסעס לאַקש און די געסט זיצען ארום אַ געגרייטען טיש.

לואי: — מיינע ליבע פריינדע! אייניגע פון אייך וועלען זיך געוויס וואונדערען וואָס מיר האָבען אייך פּלוצים געלאַדען צו אַ פּאַרטי.

געסט: — עס איז טאַקע אַ גרויסער וואונדער, מיסטער לאַקש.

לואי: — פריינדע! זייט וויסען, אַז זינט איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין דזשעני'ן, האָב איך נאָך מיט איר ניט געהאַט קיין איין גליקליכען טאָג. טאָג און נאַכט האַלטען מיר זיך אין ארומרייסען אַזוי ווי די קעץ. עס איז ניטאָ דער טאָג, וואָס מיר ביידע זאָלען ניט האָבען אונטערגעהאַקטע זייטען, אונטער־געשלאָגענע אויגען, און צושפּאָלטענע קעפּ.

געסט: — פּע! פּע! טאַקע ניט שיין!

לואי: — הכלל, האָבען מיר ביידע באַשלאָסען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז פון היינט אָן און ווייטער, זאָל ביי אונז הערשען שלום, אייניגקייט, האַרמאָני און גערעכטיגקייט.

געסט: — בראַוואָ, בראַוואָ, מיסטער לאַקש, בראַוואָ!

דזשעני: — וועט איר מיר אויך ערלויבען עפּעס צו זאָגען?

געסט: — מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, מאַדאַם לאַקש.

דזשעני: — פריינדע! איך וויל זאָגען אַז איך האָב שוין ניט וואָס צו זאָגען ביקאָס דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען האָט שוין מיין מאַן זאָל לעבען געזאָגט, ווען ער וואָלט דאָס ניט געזאָגט, וואָלט איך דאָס געזאָגט; נאָר אַזוי ווי ער האָט

שוין געזאָגט וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען, אזוי וויל איך ניט זאָגען וואָס ער האָט געזאָגט.

געסט: — בראַוואָ! בראַוואָ! איר האָט גוט געזאָגט!

לואי: — פריינדע! איך האָב אייך נאָך איין זאַך פאַר־געסען צו באַמערקען, אַז אין די אַלע רייסערייען וואָס זיינען צווישען אונז פאָרגעקומען, איז געווען שולדיג נאָר זי, אַ מיתה משונה זאָל זי איינגעמען!

דזשעני: — נעם דו איין אַ מיתה משונה, דו באַנדיט וואָס דו ביזט! איך נעם באַלד אַ גלאָז און צושפּאַלט דיר דעם קאָפּ אויף פינף שטיקער!

לואי: — לאָמיר נאָר זעהן!... דו מיינסט איך האָב פאַר דיר מורא? וואָלסט ניט זיכער זיין מיט דיין לעבען!

געסט: — פּע! פּע! פייטען גאָר! דאָס פּאַסט פאַר פּאַלאַקען, צוקושט אייך בעסער, און בעט אייך איבער.

(מאַן און ווייב צוקושען זיך.)

געסט: — בראַוואָ! בראַוואָ!

דזשעני: — איר מיינט אַז מיין מאַן איז אַזאַ שלעכטער? ווייס איך וואָס! עס איז ביי זיי שוין אַזאַ משפחה פּעלער, זיין גאַנצע משפחה זיינען שלעגערס. מען דערציילט, אַז זיין מאַמע האָט מען אונטער דער חופה אונטערגעפירט, און נאָך דער חופה האָט מען זי באַדאַרפט אויף די הענט טראָגען, אַזוי גוט האָט דאָס איר זיין פאָטער צו׳ממית׳ט.

לואי (אויפגערעגט): — דו געמיינע ליגנערקע וואָס דו ביזט! אָט רייס איך באַלד אויס אַ גאַנץ פּייפּ און מאַך פון דיר אַ האַק פלייש!

געסט: — פּע! פּע! שלאָגען זיך גאָר? קושט אייך און בעט אייך איבער. (מאַן און ווייב צוקושען זיך).

געסט: — און איצט לאָמיר אוועקגיין איידער זיי הויבען זיך אָן ווידער צו קריגען.

דזשעני: — גייט, גייט, צו אַל די שוואַרץ יאָר, זיך אָנגעפּאַקט, אָנגעפרעסען, און איצט מאַכען זיי חוזק פון אונז!

לואי: — גייט ניט! הערט זי ווי דעם שוואַרצען קאָטער!

(געסט גייען ארויס. דזשעני וואַרפט זיי נאָך טעלער.

LIBRARY stamp

דער מאן וויל זי אפהאלטען, קריגט ער אויך א טעלער אין קאפ.)
פארהאנג פאלט.

———O———

אך דער זייגער!

בעקער־באס (צו זיינעם אן ארבעטער):— סעי, שבתי, קום נאר אהער!

— וואס איז, בעל הבית לעבען?

— את האסטו טוועלוו דאלאר, באהאלט זיי פאר זיך.

— טוועלוו דאלאר! טוועלוו דאלאר! אזוי פיל געלד?

— נעם צו דאס געלד, עס איז דיינס.

— מיינס?

— יעס, עס איז דיינס. איך האב אויסגערעכענט, אז א חוץ דיינע וויידזשעס וואס דו האסט ביי מיר געקראגען, קומט דיר נאך טוועלוו דאלאר, דערפאר גיב איך עס דיר, ווייל עס איז געגען מיין פרינציפ צו באזיצען געלד וואס באלאנגט צו אן ארבעטער, וועלכער האט עס דורך שווערע ארבעט פארדינט.

— צו וואס טויג מיר אזוי פיל געלד? וואס וועל איך טאן דערמיט?

— טוה וואס דו ווילסט! קויף דיר, מאך דיר!

— איך דארף קיין זאך ניט.

— נעם דיר וואקיישאן, פאהר ארוים אין קאונטרי, עס, טרינק, געניס, לעב א גוטען טאג!

— ווער דארף וואקיישאן? ווער דארף קאונטרי?!

— דו מוזט און דו זאלסט האבען וואקיישאן!

— וואס האט איר זיך אנגעטשעפעט אן מיר? ווער דארף קאונטרים? איך בין ניט קראנק, מיר פעהלט קיין זאך, איך בין אלל־רייט.

— אללרייט ביזטו? דיינע אויגען זיינען דיר אויס־געלאשען; דיינע באקען — איינגעפאלען; דיינע לונגען אנ־געגריפען, דיינע פים מיט רהומאטיזם — שיין אללרייט!...

— וואס ווילט איר?
— פאק דיר איין און פאהר.
— אללרייט, איך וועל פארען. אבער זאגט מיר, איך בעט אייך, ווער וועט באקען? מען דארף דאך באקען!
—דאס זאל דיך ניט ארען. איך קאן באשטיין אנצושטעלען אויף דיין פלאץ אן אנדערען ארבעטער. וואס זאג איך: „איין ארבעטער?" איך וועל אנשטעלען דאפעלט. איך וועל אנשטעלען נאך צעהן ארבעטער. ביי מיר וועט מען מער ניט טארען ארבעטען ווי פיער שטונדען א טאג. איך וועל מיינע ארבעטער מער ניט אויסמוטשען. איך האב קיין רעכט ניט דערצו. איך וועל מיין בעקעריי איבערמופען פון דעם נאסען פינסטערען סעללער אויף א פרייען פעלד. וואו שטעהט עס געשריבען, אז בעקעריים מוזען זיין אין פארשטיקטע, ענגע ביימענטס?
אט דא האט דער וועק־זייגער גענומען וועקען דעם בעקער־ארבעטער און אים אויפגעוועקט פון זיין זיסען שלאף....

———o———

א גוטע עצה

ברודער לאקשענשלינגער: — גוד איווינג, הערר דאקטאר! איך רייס זיך שוין צו אייך פאר א לאנגע צייט, עפעס בין איך ניט מיט אלעמען, און אייך באדערען ווילט זיך נישט.
דאקטאר: — פארוואס? איר באלאנגט דאך דערויף אין א פאראיין און צאלט דאך יעדען קווארטאל דיוס! איר באדערט מיך ניט אומזיסט, איך קריג דערפאר באצאלט פון אייער פאראיין.
לאקשענשלינגער: — טאקע? איך האב דאס גאר ניט געוואוסט! הייסט דאס, אז איך באדער אייך ניט אומזיסט?
דאקטאר: — יעסער, איך קריג דערפאר באצאלט.
לאקשענשלינגער: — אויב אזוי, וועט איר מיך באהאנדלען?

דאָקטאָר: — מיט דעם גרעסטען פערגעניגען! וואָס פעלט אייך, ברודער לאָקשענשלינגער?

לאָקשענשלינגער: — אדרבא, איר זייט דאָך עפּעס א דאָקטאָר, אנו, געפינט אליין אויס!....

דאָקטאָר: — עס טוט אייך וועה דער קאָפּ?

לאָקשענשלינגער: — איר האָט ניט געטראָפען.

דאָקטאָר: — עס טוט אייך וועה דער בויך?

לאָקשענשלינגער: — ניין.

דאָקטאָר: — עס טוט אייך וועה דאָס הארץ?

לאָקשענשלינגער: — דאָס וואָס דאָס הארץ טוט מיר וועה, בין איך אייך מוחל, און אויב עס איז פאר אייך אליין צופיל, דאן קאָנט איר אייך נעמען אייער ווייב פאר א פּארטנער. אָבער הערר דאָקטאָר, איך אליין בין נישט מיט אלעמען.

דאָקטאָר (אויפגערעגט): — טאָ וואָס פעלט אייך?

לאָקשענשלינגער: — הערר דאָקטאָר.... הערר דאָקטאָר... איך... איר זאָלט מיר ענטשולדיגען... איך קאָן ניט שפּייען.

דאָקטאָר: — דאָס אלעס?

לאָקשענשלינגער: — וואָס נאָך האָט איר געוואָלט?

דאָקטאָר: — איך האָב געמיינט ווער ווייסט וואָס.... וועלל, די בעסטע זאַך פאר אייך, ברודער לאָקשענשלינגער, איר זאָלט קאָנען שפּייען, עסט שפּיי־עפּעל.

לאָקשענשלינגער: — איך האָב שוין געפּרואווט, עס העלפט ניט.

דאָקטאָר: — דאן באטראכט די היינטיגע וועלט.

לאָקשענשלינגער: — איך האָב שוין געטראַכט, עס העלפט ניט.

דאָקטאָר: — טאָ קומט אהער, וועל איך אייך אונטער־זוכען (נעמט א שפּיטון), — אזוי, מיסטער לאָקשענשלינגער, פּרובט און שפּייט אריין.

לאָקשענשלינגער: — טפו, טפו, טפו, טפו, (ער שפּייט).

דאָקטאָר (אויפגערעגט): — מיסטער לאָקשענשלינגער, וועמען בלאָפט איר! איר זאָגט, אז איר קאָנט ניט שפּייען און צום סוף האָט איר אָנגעשפּיגען א פולען שפּיטון?!

לאַקשענשלינגער: — וואָס זייט איר אזוי אויפגערעגט, וואָס? ביי אייך אין אָפיס קאָן איך טאקע שפייען, אָבער אין די קארס, אין די סאָבוויים, אין די עלעווייטערס, — דאָרטען קאָן איך ניט... מען לאָזט ניט, מען ארעסטירט באלד!...

זשעקטיוו

(א סצענקע)

טשערמאַן: — דער מיטינג פון דער עקזעקוטיוו איז אָפען, לעזט פאַר דעם פּראָטאָקאָל.

סעקרעטער: — איך האָב ניט קיין פּראָטאָקאָל, האָב איך נים, מיינע קינדער האָבען זיך געשפּילט אין סקול, און אזוי שפּילענדיג האָבען זיי דעם פּראָטאָקאָל צעריסען, באָט איך געדענק אלעס אויסווענינ.

טשערמאַן: — מען בעדאַרף שוין נים! לאָזט אריין קייסעם.

(עס קומט אריין א דאַר אידעל): — וואָס איז אייער פּערלאַנג?

— איך פערלאַנג גאָרניט, נור אייער דעלעגראַד אראַנסאָן האָט מיך איינגעלאַדען.

דעלעגאַט: — טשערמאַן, לאָזט מיך ערקלעהרען, אָט דאָס באָסיקעל, האַלט א שאָפּ אין מענשין סטריט און באַהאַנדעלט זיינע ארבעטער ווי פערד. ניט גענוג וואָס די ארבעטער זיינע זיינען אלע מיט אויסגעלאָשענע אויגען, איינגעפאַלענע באַקען, אויסגעקרימטע רוקענס; ניט גענוג וואָס זיי ארבעטען ביי אים אויף א רידאַקשאַן און פּראַדאַקשאַן, איז ווען די ארבעטער געהן דינערטיים כאַפּען א ביים, אזוי קריכט דער באָס ארונטער אונטער די מאַשינען, אין איין האַנד האַלט ער דעם פּינטשער און אין דער אנדערער האַנד א באַקסעל מיט הוקס און מאַכט קירצער אלע סטרעפּס.

טשערמאַן: — צו וואָס טוט ער דאָס?

דעלעגאַט: — כדי ווען די ארבעטער קומען צוריק, זאָלען

די מאַשינען מיט מעהר קראַפט נעהען.

טשערמאַן: — איז דאָס אמת?

באָס: — זאָל ער אַזוי לעבען!

טשערמאַן: — געהט ארויס פאַר אַ ווײַלע, וועלען מיר דיסײַדען וואָס מיט אײַך צו טוהן. (ער געהט ארויס) ברידער, איך זעה ניט איין דעם פערברעכען וואָס ער איז בעגאַנגען, עס איז זײַנע סטרעפס, קען ער זיי מאַכען קורצער; און צווייטענס, מיר האָבען ניט קיין רעכט צו בעשטראָפען באָסעס, מיר קאָנען נאָר באַשטראָפען ארבעטער. רופט אים אריין. (ער קומט אריין) מיסטער זייפענזיד, נאָך אַ לאַנגע דעבאַטע האָבען מיר בע־שלאָסען

באָס (שלאָגט אים איבער): —צאָלרייט, איך ווייס אייער בעשלוס, איך האָב אַלעס אונטערגעהערט. איר האָט בעשלאָסען מיך צו בעשטראָפען מיט 50 דאָלאַר, אָלרייט, איך וועל בע־צאָהלען.

טשערמאַן: — טו נעהט אין אָפיס און בעצאָהלט. (די עקזעקוטיוו לאַכט). נעקסט קיים!

(עס קומט אריין אַ מיידעל) וואָס איז אייער פערלאַנג, שוועסטער בעקי?

שוועסטער: — טשערמאַן, איך האָב אַ קלאַגע אויף דעם קלוירק פון דער לייבאר ביורא, איך אַליין בין אַ באַטאָן־נעהערין, און אַלע מאָל שיקט ער מיך ארבעטען אין אַ שאָפ וואו עס איז פאַראַנען מאַשינען. איך קען ניט ליידען דעם טומעל, איך בין זעהר אַ דעליקאַטנע און אינטעליגענטע מיידעל, און טאָמער זאָג איך דעם באָס פון שאָפ, אַז אויב ער וויל איך זאָל ביי אים אײַנעהען באַטאַנס אין די רעק, זאָל ער אָפּסטאָפּען די מאַשינען, אַזוי לאַכט ער פון מיר, און זאָגט אַז איך בין משוגע.

טשערמאַן: — אָלרייט, מען וועט שוין פיקסען. נעקסט קיים!

(עס קומט אריין אַ יונגערמאַן זעהר פערטרויערט) טשער־מאַן, איך וויל וויסען צי עס איז אמת אַז איך קען מעהר אין שאָפ ביי מיסטער קאָרענברויט ניט ארבעטען.

טשערמאַן: — איר קענט מעהר אין דעם שאָפ ניט

ארבעטען, דאס איז א פעסטער בעשלום.

יונגערמאן: — אלרייט, איך קען מעהר אין דעם שאפ ניט ארבעטען? אלרייט! אלרייט! אבער איך וויל אייך בעטען, טהוט מיר כאטש די געפעליגקייט: חיים שלום איז מיר שולדיג 5 דאלאר; דער איירזשעספרעסער — 2 דאלאר און דער וואטש־מאן — 50 סענט, טא נעהמט דאס אלעס צוזאמען און גיט דאס אוועק צו מיין פרוי און ארימע קינדער נעביך. (כאפט ארוים א פלעשעלע און טרינקט) מיינע ארימע קינדער נעביך. (ער פאלט צו דער ערד).

(עס ווערט א טומעל: „ער האט זיך פערפויזענט!" הערט זיך פון א פאר שטימען. מען שרייט פאלים! אן אמבולאנס קומט. דער דאקטאר שמעקט פון דער פלעשעלע און בעטראכט דעם פער'סמ'טען און זאגט: — „איר דעם פולס! ער האט זיך ניט פער'סמ'ט! אין פלעשעל איז ניט געווען קיין סם!"

נייז?! רופט אוים די עקזעקוטיוו, וואס דען?

— שנאפס, פליין וויסקי! (די עקזעקוטיוו צעלאכט זיך).

א לעקטשור

(געווידמעט אברהם וואלאך)

לעקטשורער: — ווערטהע פריינדע! מיין היינטיגע לעקטשור וועט זיין איבער געלד.

פובליקום: — גא־העד, שיסט!

לעקטשורער: — געלד איז אן ערדעלע זאך.

פובליקום: — טהענקס פאר דהי אינפארמיישאן.

לעקטשורער: — אז מען האט ניט קיין געלד, האט מען נישט די וועלט און נישט י ע נ ע וועלט.

פובליקום: — דאס ווייסען מיר אהן אייך.

לעקטשורער: — געלד ווערט געמאכט פון פאפיער, פון גאלד, פון זילבער, פון ניקעל און פון קופער.

פובליקום: — איר זאלט דערלעבען בעסערע בשורות אנצוזאגען.

לעקטשורער: — אין אמעריקא הערשט דער „טולער.“
פּובליקום: — געהט שוין געהט!...
לעקטשורער: — א דאָלאר האָט צוויי האַלבע; פיער קוואָדערס; צעהן דיימס; צוואנציג ניקעלס און הונדערט פּענים.
פּובליקום: — דאָס הערען מיר צום ערשטען מאָל.
לעקטשורער: — דער דאָלאר איז געמאכט געוואָרען אויף צו באצאָלען א דאָקטאר ביל; דער האַלבער דאָלאר — אויף א טהעאטער־טיקעט סעקאָנד באלקאָני; דער קוואָדער — אויף אריינ־צו־ווארפען אין דעם קוואָדער־מיטער; דער דיים— איז פאר א שוה־שיין; דאָס ניקעל איז — פאר קאר־פעיר און די פּעני איז געמאכט געוואָרען פאר בעטלערס און קליינע קינדער.
פּובליקום: —מיסטער לעקטשורער! איר האָט א טייערען קאָפּ — אויף אויסצוקעמען...
לעקטשורער: — גאָלד האָט ראָקעפעלער, מאָרגאן און אנדערע מיליאָנערען. אָרימע־לייט האָבען דאָס ניט.
פּובליקום: — מיר גלויבען אייך.
לעקטשורער: — וואו זיי האָבען עס גענומען ווייס איך נישט. מען זאָגט, אז זיי האָבען דאָס באקומען פון דעם אר־בעטער׳ס שוויים און בלוט... יעצט מיינע ווערטהע פריינדע, בין איך שוין פארטיג!
פּובליקום: —אויב אזוי, וועלען מיר שיקען נאָך די חברה קדישא.
לעקטשורער: — יעצט פריינדע, באָרגט מיר, אימיצער פון אייך, א קוואָדער אויף סאפּער...
דאָס גאַנצע פּובליקום: — א גוטע קרענק!

אין אַ מוזיק סטאָר

אָלרייטניצע: — מיסטער סטרונע, איך האָב ביי אייך מיט זעקס וואָכען צוריק געקויפט א סאָנג.
סטרונע: — טאָ איז וואָס?
אָלרייטניצע: — טאָ וויל איך איר זאָלט מיר דעם סאָנג

איבערטשענזשען.

סטרונע: — מיר טשענזשען ניט קיין סאָנגס.

אַלרייטניצע: וואָס הייסט איר טשענזשעט ניט קיין סאָנגס? און וואָס קאָן איך, א שטייגער, טאָן, אז מיין מאַן גלייכט אים ניט?

סטרונע: — טאָ טשענזשעט איבער אייער מאַן.

אַלרייטניצע: — מיסטער סטרונע, איך וועל פון אייך ניט אָפּטרעטען ביז וואַנען איר וועט מיר איבערטשענזשען דעם סאָנג.

סטרונע: — מיסעס, וואָס האָט איר זיך אָן מיר אָנגעטשעפּעט, וואָס? וואָס מיינט איר עפּעס? איר האָט מיט זעקס וואָכען צוריק געקויפט א סאָנג און איצט ווילט איר איך זאָל אים אייך איבערטשענזשען! וואָס מיינט איר, איך מאַך א לעבען פון טשענזשען?

אַלרייטניצע: — צאָלרייט, איך טשענזשע ביי אייך ניט דאָס ערשטע מאָל! איך בין ביי אייך א סטעדי קאַסטאָמער.

סטרונע: — איך האָב ביי אייך שוין א פּאָר מאָל געבעטען: קויפט ניט ביי מיר, און טשעדזשעט ניט ביי מיר, לאָזט מיך געמאַך!

אַלרייטניצע: — צאָלרייט. פאַר מיין געלד בין איך גלייך מיט עני באַדי.

סטרונע: — יעס, אָבער וואָס טויג דאָס טשענזשען?

אַלרייטניצע: — וואָס האָט איר געוואָלט, מיסטער, אז איך זאָל ביי אייך קויפען און ערגעץ אַנדערש זאָל איך גיין איבערטשענזשען?

סטרונע: — אַן אָנטשעפּעניש! וואָס פאַר א סאָנג ווילט איר איצט?

אַלרייטניצע: — דעם סאָנג וואָס מען זינגט איצט אומעדום.... איר ווייסט!

סטרונע: — איך ווייס ניט... פון וואַנען זאָל איך ווייסען?

אַלרייטניצע: — א שיינער ביזנעסמאַן זייט איר.

סטרונע: — פּליעז, מיסעס, האַלט מיך ניט אויף, זאָגט מיר דעם נאָמען פון דעם סאָנג.

אָלרייטניצע: — אָה, ווען איך זאָל וויסען!

סטרונע: — טאָ ווי אזוי קאָן איך וויסען וואָס פאר א סאָנג איר ווילט?

אָלרייטניצע: — וואָס הייסט ווי אזוי?

סטרונע (אויפגערעגט) :— ווי אזוי!?

אָלרייטניצע: — איך וועל זינגען פאר אייך דעם סאָנג, וועט איר וויסען. זאָל איך זינגען?

סטרונע: — טאָ זינגט שוין צו אָלדי שווארצע יאָר!

אָלרייטניצע (הוסט זיך אויס און זינגט): — טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ! טראַלאַ! א כאָלערע זאָל עס כאפען, עס ליגט מיר אויף דעם שפיץ צונג און איך קאָן זיך ניט דערמאָנען. (זינגט) טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ לאַ־לאַ־לאַ...

סטרונע: — מיסעס, פאָלגט מיך און גייט אהיים, און אזוי שנעל ווי איר וועט זיך דערמאָנען, קומט צוריק אין סטאָר, וועט איר דעם סאָנג קריגען.

אָלרייטניצע: — איך גיי גאָר ניט אהיים. ווארט וועט איר זעהן, אז אין דריי שעה ארום וועל איך זיך דעם סאָנג זיכער דערמאָנען. (זינגט) טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַטראַך.

סטרונע: — מיסעס, פליעז, מאכט צו אייער מויל. מענשען זיינען זיך שוין צוזאמענגעלאָפען, אויטסייד מיינט מען אז איך שלאָג מיין ווייב.

אָלרייטניצע: — וועמען ארט דאָס? (זינגט) טראַלאַ־לאַ. נעוואָלד איך האָב אים.... איך האָב אים....

סטרונע: — וועמען, דעם סאָנג?

אָלרייטניצע: — יעס... אָבער איך האָב אים שוין ווידער פארגעסען... ווארט, וועל איך זיך אים דערמאָנען. (זינגט) לאַלאַ לאַלאַ.... טראַך.

סטרונע: — (אנטלויפט פון סטאָר וואו דער שווארצער פעפער וואקסט.)

———o———

אין א יוניאָן שאָפּ

(געווידמעט מיין פריינד מאַקס אלזאפראם)

וואָקינג דעלעגאַט (צו א בייסטער): — מיסטער, איר זייט א יוניאָן מאַן?

בייסטער: — א וואָס?

דעלעגאַט: — איך פרעג צי איר האָט א ביכעל.

פייסטער: — א ביכעל? יעס! (ער ציינט אים א באנק־ביכעל).

דעלעגאַט: — דאָס איז דאָך א באנק־ביכעל, אום צו ארבעטען אין א יוניאָן שאָפּ מוזט איר האָבען א יוניאָן ביכעל און נאָכקומען אלע בעשליסע פון דער יוניאָן.

בייסטער: — וואָס פאר א בעשליסע?

דעלעגאַט: — איר באדארפט ארבעטען 44 שטונדען א וואָך; פעי באדארפט איר קריגען יעדען שבת; אז עס ווערט סלעק, טאָר דער באָס אייך ניט סעקען; אלע ליגעל־האלידייס באדארפט איר ניט ארבעטען, און דער באָס דארף אייך באַצאָלען.

בייסטער: — אָלל־דייט! איך בין צופרידען מיט די אלע בעשליסע.

דעלעגאַט: — און א חוץ דעם וועט איר באדארפען יעדען מאָנאַט איינצאָלען 65 סענט דיוס.

בייסטער: — וואָס?

דעלעגאַט: — דיוס.

בייסטער: — צו וואָס דארף די יוניע דיוס?

דעלעגאַט: — א שיינע פראגע! ווער דיינקט איר האלט אויף דעם אָפּיס?

בייסטער: — ווער?

דעלעגאַט: — פון די דיוס!

בייסטער: — וואָס האָט איר זיך עפּעס פארלייגט אויף די דיוס?

דעלעגאַט (אויפגערעגט): — מיסטער, פרעגט מיך ניט קיין פראגעס. איר ווילט ווערען א יוניאָן מאַן? יעס אָדער נאָ?

בייסטער: — יעס, איך בין צופרידען צו ווערען א יוניאָן מאַן, איך בין אויך וויליג נאָכצוקומען אַלע בעשליסע, אָבער קיין דיוס וויל איך נישט באצאָלען.

דעלעגאַט: —דאַן קאָנט איר אין דעם שאַפּ ניט ארבעטען.

בייסטער: — אזוי, איר ועט מיך ניט לאָזען, וואָס איז? איר זייט אפשר א באָס?

דעלעגאַט: — איך וועל אייך באַלד צייגען ווער איך בין (ער ווענדעט זיך צו די ארבעטער און הייסט זיי סטאָפּען, און מיט דעם בייסטער ניט צו ארבעטען ביז ער וועט ווערען א יוניאָן מאַן. אַלע ארבעטער פון שאַפּ האָבען זיך אויפגע־הויבען פון דער ארבעט און דער בייסטער אויך).

דעלעגאַט: — נו, מיסטער, איר וועט שוין ווערען א יוניאָן מאַן?

בייסטער: — איך ניט!

דעלעגאַט: — טאָ וואָס האָט איר זיך אויפגעהויבען פון דער ארבעט?

בייסטער: — וואָס הייסט? עס איז דאָך א סטרייק!

דעלעגאַט: — מען סטרייקט דאָך איבער אייך!

בייסטער: (ערשטוינט): — איבער מיר? וואָס בין איך עפּעס א סקעב? איך האָב אין מיין לעבען ניט געסקעבט און וועל ביז אין מיין טויט אריין ניט סקעבען. ברידער! איך וועל מיט אייך אזוי לאַנג סטרייקען ביז דער סטרייק וועט געוואונען ווערען....

אָווערטיים

באָס: — וואָס קומסטו יעדען טאָג אזוי שפּעט צו דער ארבעט? דו מוזט פערשלאָפען, הא?

ארבעטער: — איך שלאָף אָווערטיים...

* * *

איר שרעקליכער סוד

פרוי (צו איר מאן, 4 וואכען נאך זייער חתונה): — סעי טשארלי, לייג אוועק דיין נארישע צייטונג, דאס עסען ווערט קאלט!

מאן: — באלד, באלד! איך וויל נאר זעהן וואס עס הערט זיך עפעס מיט רומעניען.

פרוי (רייסט ארוים ביי אים די צייטונג): — רומעניענס לאגע אינטערעסירט דיך מער ווי דיין ווייב'ס?

מאן: — וואס ווילסטו, וואס?

פרוי: — איך וויל אז דו זאלסט לעזען דיין נארישע צייטונג אין דער קאר, בשעת דו פארסט פון דיין ארבעט! ווען דו ביזט אין הויז, וויל איך אז דו זאלסט דיך אינטערעסירען מיט מיר, מיר האבען פאר דער חתונה אזוי ווייניג גערעדט פון ליבע, דו האסט עס אפגעלייגט אויף נאך דער חתונה.

מאן: — ליבע קריכט דיר אין קאפ? אז מען האט חתונה איז אוים ליבע!

פרוי: — אז מען האט חתונה איז מען אוים מענש?...

מאן: — נו, יא, דו האסט דיך אויך צו באקלאגען אויף דיין חתונה! דו האסט א סך דערלייגט!... גענומען דיך אהן א טאטען, אהן א מאמען, אהן א טענט! האב איך דיר געגעבען א הויז, א היים, א מאן, און ביזט נאך אלץ ניט צופרידען!

פרוי: — טשארלי, איך בין אן אומגליקליכע.

מאן: — נו, יא, א סך וואלטען זיך געוואונשען צו זיין אזוי אומגליקליך ווי דו.

פרוי: — טשארלי! איך בין אן אומגליקליכע, איך טראג אין הארצען א שרעקליכע געהיימנים, וועלכע וועט זיך ענדיגען מיט מיין טוידט.

מאן: — א געהיימנים? פע, עס איז זעהר ניט אנשטענדיג פון דיר צו האבען א געהיימנים פון דיין אייגענעם מאן!

פרוי: — איך ווייס אז עס איז פון מיר א גרויסער אומ־רעכט צו שווייגען, אבער איך קאן זיך ניט העלפען, איך מוז...

מאן: — דו מוזט?!...

פרוי: — יעס, איך מוז, ווייל איך האָב מורא איך זאָל דיך ניט פארלירען.

מאַן: — מיך פארלירען? וואָס רעדסטו? וואָס רעדסטו? איך פארשטעה דיך ניט!

פרוי: — (וויינט.)

מאַן: — ליליע, ליליע! איך מוז אלעס וויסען! ווי שרעק־ליך עס זאָל ניט זיין וויל איך עס וויסען!...

פרוי: — ניין, ניין! דו טאָרסט עס ניט וויסען! און דו זאָלסט עס ניט וויסען!

מאַן: — ליליע! איך באפעל דיר מיר אלעס צו דערציילען!

פרוי (פאַלט צו זיינע פיס): — טשארלי, איך בעט דיך, הייס מיר ניט ריידען, הייס מיר שווייגען. איך בעט דיך! ווייל דו ווייסט ניט וואָס פאר א קרבן דו פארלאנגסט פון מיר!

מאַן (נעלאַסען): — ליליע, איך בעט דיך, דערצייל מיר אלעס, דו קאָנסט דאָך מיך, דו ווייסט אז איך בין ניט קיין גזלן, דו קאָנסט דיך אויף מיר פארלאָזען!

פרוי: — איך קאָן ניט, איך קאָן ניט!...

מאַן: — איך וויים אז יעדער מענש קאָן מאַכען א פעלער, דער מענש וואָס מאַכט ניט קיין פעלער, איז קיין מענש ניט...

פרוי: — איך האָב מורא דיר עס צו דערציילען!

מאַן: — האָב ניט מורא, דערצייל!

פרוי: — שווער מיר צוערשט אז דו וועסט מיך ניט פארשטויסען, אז דו וועסט מיר פארגעבען.

מאַן: — איך שווער דיר, איך גיב דיר מיין האנד דערויף.

פרוי (פארשעמט): — טשארלי דיער, מיר קריגען א גאַסט... אונזער פאמיליע פארגרעסערט זיך...

מאַן (ווילד פון כעס): — וואָס, פיר וואָכען נאָך דער חתונה?

פרוי: — יעדעס מיידעל...

מאַן (שלאָגט איר איבער): — יעדעס מיידעל יא, און דו ניט.... פיר וואָכען נאָך דער חתונה... דו געמיינע!... דו נידערטרעכטיגע!...

פרוי: — שלאָג מיך, טוידטע מיך, איך בין אלעס ווערט,

איך האָב דיך אָפּגענאַרט, איך האָב דיר פּאַר אונזער חתונה באַדאַרפט זאָגען, אַז איך האָב אַ — מאַמע!

מאַן (אויפגערעגט): — אַ מאַמע האָסטו? אַ מאַמע?... און איך קריג אַ שווינער?... איך וועל עס ניט אויסהאַלטען!... (פאַלט אין חלשות.)

———o———

זייער אייגענע שולד

איינער פון פּובליקום: — מיסטער טשערמאַן, וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר אויף אייך, איר האָט דאָך אַדווערטייזט אַז ביי דעם קאָנצערט וועלען זיין 44 פון די גרעסטע קרעפּטען, און צום סוף איז אפילו איינער ניטאָ?!

טשערמאַן: — עס איז אייער אייגענע שולד. איר האָט דעם האָלל אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז עס איז ניט געוועזן קיין פּלאַץ פאַר די קרעפּטען, בין איך געווען געצוואונגען די קרעפּטען אהיים צו שיקען....

* * *

אַ פראַגע

פינאַנס-סעקרעטער: — מיסטער פּרעזידענט, איך וויל וויסען פון וועמען איך זאָל נעמען אָרדערס, פון באַלעבאַטים אָדער פון די טומעל-מאַכער?

פּרעזידענט: — מיסטער לעבען, נעמט אָרדערס פון אייער ווייב!...

* * *

ווייבער, ווייבער און ווייבער

— ענטשולדיגט מיר, מיסטער, זייט איר ניט א סטאראזשינעצער?

— יעס, איך בין א סטאראזשינעצער.

— זייט איר ניט שמואל זאכאצקי'ס זוהן, שבתי?

—יא. ווער זייט איר, אויך א סטאראזשינעצער?

— וואָס? דו קאָנסט מיך ניט? א כאָלעריע זאָל דיך אוועקלייגען, קאָנסט ניט דיין אמאָליגען חבר בעריש?

— דאָס ביסטו בעריש? א בראָך נאָך דיר! זעה נאָר, זעה ווי געזונד דו ביסט געוואָרען!

— נו, און וואָס פעהלט דיר? דארפסט אויך ניט האָבען קיין קאָנטרי!

— נו, וואָס־זשע מאכסטו עפּעס, בעריש? ארבעטסט? פארדינסטו עפעס? מאכסט א לעבען?

— גאָט צו דאנקען, איך האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגען.

— ביזט פארהייראט?

— וועלכער איד איז דאָס ניט פארהייראט? איך בין שוין געווען פארהייראט, זיך גע'גט, און בין שוין ווידער פארהייראט, — ווער איז מיר!

— וואָס איז דער מער וואָס דו האָסט זיך גע'גט?

— איך בין אריינגעפאלען, ברודער! געקראָגען א ווייב, א צרה, א שלאַק, א שלעכטע, א קראנקע, מיט א וואָרצעל אויף דער שפּיץ נאָז, בין איך קוים פטור געוואָרען!

— און ווי פארטראָגסטו זיך עפּעס מיט דער, מיר דיין איצטיגער?

— ניט צו פארזינדיגען! די איז א שיינע, א געזונטע, א קלוגע, מיט אלע מעלות!

— אוי, שבתי, ברודער! איך האָב געהאט דעם זעלבען

פּעקעל וואָס דו: איך האָב געקראָגען א שלאַק, א צרה, א קראַנקע, און דערצו מיט א פּליאם אויף דער רעכטער באַק.

— ווי אזוי ביסטו פון איר פּטור געוואָרען?

— פרעג ניט! איך האָב געמאַכט א באַלל, איז מיט דעם געלד האָב איך זיך פון איר באַפרייט.

— און וואו האָסטו געקראָגען דיין איצטיגע?

— טאַקע אויף דעם זעלבען באַלל וואָס איך האָב געמאַכט פּטור צו ווערען פון מיין ערשטער.

— וואָס פאַר א לאַנדס־מיידעל איז דיינע?

— זי איז א בוקאָווינער, נישט ווייט פון טשערנאָוויץ.

— זי איז א בוקאָווינער? ניט ווייט פון טשערנאָוויץ? און האָט א וואָרצעל אויפ'ן שפּיץ נאָז?

— יעס.

— הייסט זי ניט בערטהאַ?

— יעס! וואָס איז דו קאָנסט זי?

— ניין... איך קאָן זי נישט.

— דו מעגסט זיך מיט איר באַקאָנען, זי איז שוין איינמאָל א ווייב!

— ביי א געלעגענהייט.

— איצט זאָג מיר, וואָס פאַר א לאַנדס־מיידעל איז דיינע?

— מיינע איז אַן אונגארישע, ניט ווייט פון די קאַר־פּאַטהען־בערג.

— ווי אזוי הייסט זי?

— לילי, רופט זי זיך.

— לילי? לילי? מיט א פּליאם אויף דער רעכטער באַק?

— יעס.

— הא, הא, הא! אוי, ברודערשי, ביזט דאָך אין פּעקעל! מיין ערשטע ווייב איז איצט דיין צווייטע, הא, הא, הא!

— טאַקע?!

— שור... הא, הא, הא! אוי ביסטו אין פּעקעל!

— שא, שא, לאָך ניט אזוי! דיין ערשטע ווייב איז איצט מיין צווייטע, דערפאַר איז דיין צווייטע מיין אמאָליגע

ערשטע!

— טאקע???!

— הייסט דאָס, אז מיר זיינעןביידע אין פעקעל?....

גוד־ביי! (צו זיך): וועה איז דיין לעבען!....

— גוד־ביי! (צו זיך): וועה איז צו דיינע יאָרען!....

(ביידע צונעהען.)

———o———

ניט צו פערזינדיגען

בעריל: — סעי, שמעריל, ווי איז דיר עפעס אָנגעקומען דער פסח? שווער, האַ?

שמעריל: — נישט צו פערזינדיגען. ביי מיר איז געווען פסח אַ גאַנץ יאָר.

בעריל: — וואָס הייסט?

שמעריל: — גאַנץ איינפאַך: קיין ברויט איז ביי מיר אין הויז ניט געווען; מיט מרור האָט מיך סופלאַיעט מיין ווייב, און אַנשטאָט געלד האָב איך געהאַט מכות....

* * *

מען פערגעסט

שבתי: — עס האָט זיך ביי מיר אין האַרלעם געעפענט אַ נייער רעסטאָראַנט, איז ווער עס עסט דאָרט מוז ביים אהיים־געהן עפעס פאַרגעסען: מען פערגעסט דאָרטען אמברעלאָס, העטס, אָווערקאָוטס; איך האָב נעכטען דאָרטען צום ערשטען מאָל אָפגעגעסען, און ביים אַהיימגעהן אויך עפעס פאַרגעסען.

בעריש: — וואָס האָסטו פאַרגעסען?

שבתי: — איך האָב פאַרגעסען צו באַצאָהלען פאַר'ן עסען.

* * *

צווישען לאַנדסלייט

(א בעגעגעניס)

(געווידמעט מ. וואסקאָף)

שבתי: — אָה, העללאָו בעריש, וואוהין גייסטו?

בעריש: — אין וואַנדערבילט'ס קליניק סטאָר.

שבתי: — דו מיינסט וואַנדערבילט'ס קליניק?

בעריש: — נו, יע.

שבתי: — ביזט קראַנק?

בעריש: — חלילה! איך בין אָלרייט, נאָר, פארשטייסטו מיך, מיין מאָגען איז ניט מיט אַלעמען.

שבתי: — פאַרדאָרבען מסתמא?

בעריש: — ווער ווייס? מיין פאַראיין דאָקטאָר, „אַי שור וואָרי" זאָגט יאַקבי, אַז אויף מיין מאָגען האָט זיך געמאַכט אַן עבסטעס אַזא.

שבתי: — גייסט איצט האָבען, מסתמא, אַן אָפערײישאָן?

בעריש: — חלילה! איך גיי איצט נעמען אַ פיקטשור פון מיין מאָגען.

שבתי: — טאָ וואָס־זשע עפּעס ניט געשייפט און אָהן אַ קאָלער?

בעריש: — צו וואָס דאַרף איך דאָס?

שבתי: —איין קליינינקייט, אָהן אַ קאָלער, ניט געשייפט, אַזוי פאַרכמורעט, און דו ווילסט נאָך אַ שיינע מאָגען־פיקטשור נעמען? פאָר קרייז־סעק, זאָלסט כאָטש געבען אַ שמייכעל, בעריש, דו הערסט?

בעריש: — דאַנט באָדער מיר!

שבתי: — זאָג נאָר בעריש, וויפיל פיקטשורס דענקסטו צו נעמען פון דיין מאָגען?

בעריש: — איך ווייס? מן הסתם איינע.

שבתי: — גיי, דו נאַר, זאָלסט נעמען אַ גאַנצען דאָזען,

וועט דיר קאָסטען ביליגער, און וועסט נאָך צוקריגען אַ גרויסע פּיקטשור אַ פּרעזענט, און וועסט קאָנען אהיים שיקען צו דיין טאַטען און צו דיינע שוועסטער צו פּיקטשורס.

בעריש: — דו וויצעלסט זיך אויף מיין חשבון! גוד־באַי!

שבתי: — גוד־באַי, גוד־באַי, ענדזשאַי יורסעלף!....

———o———

אַ גוטער קאָפּ

בעריל: — דו ווייסט שמעריל, מיר האָבען ביי אונז אין פּאַראיין אַ פינאַנס־סעקרעטער, איז האָט ער אַ טייערען קאָפּ.

שמעריל: — צו וואָס, צו פיהרען די ביכער?

בעריל: — ניין, איך מיין צום אויסקעמען!....

* * *

אָקסענע אויגען

קראַנקער: — הערר דאָקטאר, געבראָטענע אָקסען אויגען וועט איר מיר ערלויבען צו עסען?

דאָקטאר: — גאָט בעהיט! אָקסענע אויגען גאָר! איר זאָלט זיי אייך תיכף ארויסשלאָגען פון אייער קאָפּ...

* * *

אי, גוט!...

אָרימאַן (צו אַן אָלרייטניק): — שענקט מיר אַ נדבה!

אָלרייטניק: — מיסטער, עס איז יעצט שלעכטע צייטען, אַז איך וועל דערלעבען איבער אַ יאָר, און איר וועט קומען, וועל איך אייך געבען.

אָרימאַן: — איך בין אייך מוחל, דערלעבט ניט און גיט ניט....

* * *

ווער איז שולדיג?

פרוי: — איזי! לייג אוועק דיין נארישע צייטונג, דאס עסען ווערט קאלט!

מאן: — באלד, באלד! איך וויל נאר א קוק געבען וואס ס'הערט זיך עפעס מיט דעם אינזעל יאפ.

פרוי (רייסט ארויס ביים מאן די צייטונג): דער אינזעל יאפ שמאפ פאראינטערעסירט דיך מער ווי דיין ווייב?

מאן: — וואס ווילסטו, וואס?

פרוי: — איך וויל זאלסט לעזען ווען דו פארסט פון דער ארבעט. ווען דו קומסט אהיים זאלסטו וויסען אז דו האסט א ווייב... א ווייב האסטו.. וואס דו מעגסט זיך מיט איר אויך אביסעל אינטערעסירען...

מאן: — אינטערעסירען? איך האב זיך גענוג אינטערעסירט בעפאר דער חתונה.

פרוי: — בעפאר דער חתונה? און נאך דער חתונה איז מען שוין גארניט?

מאן:— וואס ווילסטו, וואס? דו האסט זיך אויף וואס צו באקלאגען? איך האב דיך גענומען אהן א טאטען אהן א מאמען, אהן א סענט, און האב דיר געגעבען א הויז! האסט א היים, האסט א מאן, טו וואס ווילסטו נאך?

פרוי: — וואס איך וויל? פרעגסט נאך, הא! אוי ווי אומגליקליך איך בין... ווי אומגליקליך...

מאן: — אומגליקליך! א סך וואלטען זיך געוואונשען צו זיין אזוי אומגליקליך ווי דו ביסט, א סך פעלט דיר ביי מיר?

פרוי: — ניין, מיר פעלט גארנישט, אזוי ווייסטו? אבער איך, איך וויים אויך! איך וויים וואס מיר פעלט — א קינד! א קינד פעלט מיר! איך וואלט דיר מוחל געווען דיינע וואויל-טאגען....

מאן (מיט א שמייכעל): — נארעלע, וואס טויגען דיר קינדער? ווינציג ליידט מען זיך אן פון זיי? — אט פאקט עס, אט מאזעלט עס, אט קריגט עס היץ און עס פאלט ארויס

דאס הארץ פאר גרויס שרעק, מען ווערט דאך פון זיי גרוי און אלט פאר דער צייט.

פרוי: — איך וויים, איך וויים! עס פאקט, מאזעלט, קריגט היץ, מען ווערט גרוי, אלעס, אלעס, דערפאר איז מען דאך א מאמע... אבער וואס זיינען מיינע שווארצע האר, ווען דאס לעבען איז מיר שווארץ אהן א קינד! א קינד, איזי! איך וויל א קינד!...

מאן: — משוגע'נע, וואס שרייסטו? איך האב קינדער און גיב דיר ניט? איך לאז דיר קיין קינדער ניט האבען? פונקט ווי איך האלט דיך צו! האב דיר קינדער געזונטערהייט וויפיעל דו ווילסט!....

פרוי: — האב דיר קינדער! זעה נאר ווי ער רעדט זיך אפ! ווי ניט אים מיינט מען עס... איך וואלט געהאט, ווען איך האב אן אנדער מאן!

מאן: — אן אנדער מאן?!

פרוי: — יע, יע, דו ביזט שולדיג!

מאן: — איך? נעה דו נארעלע, איך בין שוין נארניט שולדיג, הערסטו ליליטשקע, ווען איך וואלט געווען דער שולדיגער, וואלט איך היינט אין אמעריקע ניט געוועזן...

פרוי: — וואס מיינסטו אמעריקע? וואס האט אמעריקע צו טאן מיט א קינד! האב איך נאר אזויפיל קינדער וויפיל מען קאן האבען אין אמעריקע.

מאן: — פארשטייסט מיך ניט נארעלע (רוימט איר איין א סוד) דעם סטאליער'ס אייניאייניציגע... האט מיך פאר־טריבען... פארשטעהסט... זי האט יא געהאט... נו בין איך.....

פרוי: — שטיל! דו נידערטרעכטיגער, דו געמיינער! און מיר האסטו געשווארען, אז איך בין דיין ערשטע, דו געמיינער! מערדער! איך וועל זיך דעם לעבען נעמען! אה איר פאלשע מענער! צו וואס האסטו עס מיר גערארפט דערציילען, צו וואס?

מאן: — איך האב זיך ניט געקאנט העלפען, זעהסט'ך אליין... איך וואלט דיר עס קיינמאל ניט דערציילט, דו, דו אליין האסט מיך געצוואונגען.... מיט דיין שולד.... וויים כאטש אז דו ביזט די שולדיגע...

פרוי: — איך די שולדיגע? ס'ניטאָ ווער עס זאָל לאַכען, כאַ־כאַ־כאַ! איך די שולדיגע! גולם איינער, איידער איך האָב נאָך דיך דערקענט בין איך שוין אַ מאַמע געווען. אַזאַ יאָר אויף אונז ביידען וואָס פאַר אַ איינגעלע איך האָב געהאַט!

מאַן (צוטומעלט, אויפגערעגט): — וואָס! דו פאַלשע איינע! דו אַ קינד?!

פרוי: — יע, תכשיט מיינער! וואָס וועסטו איצטער זאָגען? אנו, ווער איז שולדיג?...

מאַן: — זאָל איך אזוי וויסען פון דיר!!!

———o———

ער דאַרף ניט קיין וועק־זייגער

נייער באַרדער: — מיסעס, איז ביי אייך פאַראַן אַ וועק־זייגער?

מיסעס: — צו וואָס באַדאַרפט איר אַ וועק־זייגער?

באַרדער: — איך וויל וויסען ווען אויפצושטעהן צו דער ארבעט, איך זאָל זיך ניט פאַרשפּעטיגען.

מיסעס: — זאָלט איר מיר געזונד זיין, איר באַדאַרפט ניט קיין וועק־זייגערס — מיין בייבי „ביט" 1000 וועק־זייגערס אין פּיסעס, אַ יעדע פינף מינוט וויינט זיא...

* * *

וויל דעם פלאָר

ברודער: — מיסטער פּרעזידענט, איך וויל דעם פלאָר.

פּרעזידענט: — סיט־דאַון!

ברודער: — גיט מיר דעם פלאָר, מיסטער פּרעזידענט!

פּרעזידענט: — נעמט אייך דעם פלאָר, אָבער קריכט ניט אויף די גלייכע ווענט....

* * *

אבי אַ בחור

לינא: — מיין טייערער טאַטע און מיין טייערע מאַמע, איך האָב דאָס פערגעניגען פאַר אייך פאָרצושטעלען מיין באָי, זיין נאָמען איז איזי.

מוטער: — איזי, שמיזי, אַבי ער איז דיין באָי.

פאָטער: — עס פרעהט מיך אייך צו קענען, מיסטער איזי. זיצט.

באָי: — אַ שעהנעם דאַנק, איך בין שוין פּלענטי געזעסען.

פאָטער (נייגעריג): — וואו זייט איר געזעסען?... איך מיין, וואָס איז אייער באַשעפטיגונג?

באָי: — ביי וואָס עס לאָזט זיך, איך בין ניט פּאַרטיקעלע, איך קאָן אַלעס.

מוטער: — אַלעס, דלות, אַבי איר זייט מיין לינא׳ס באָי.

פאָטער: — נו, מיסטער איזי, רוקט אייך צו נעהענטער צים טיש, וועלען מיר ביידע טרינקען לחיים.

באָי: — אַ שיינעם דאַנק, איך טרינק ניט קיין שנאַפּס.

פאָטער: — מאַכט אייך ניט נאַריש, טרינקט!

(באָי טרינקט)

פאָטער: — איצט בייסט צו אַ שטיקעל קייק. (צו דער ווייב) און דו, פיינע, דערלאַנג דעם סאַפּער צום טיש.

מוטער: — אַללרייט, איך גיב שוין דעם סאַפּער.

פאָטער: — עסט נאָך אַ שטיקעל קייק. דאָס האָט מיין פיינע, זאָל לעבען, אליין געבאַקען.

מוטער: — נו, איצט גייט אייך וואַשען, מיר גייען עסען סאַפּער.

באָי: — אַ שיינעם דאַנק, איך האָב נאָר וואָס אָפּגעגעסען מיין סאַפּער.

מוטער: — סאַפּער, כאַפּער, אַז איר זייט ביי מיר, מוזט איר עסען, עסט!

(באָי עסט)

מוטער: — לאָזט ניט איבער, עסט אויף אין גאַנצען! איצט א ביסעל זופּ, עסט א ביסעל לאָקשען זופּ. גוט, האַ? עסט אויף אים גאַנצען, שעמט אייך ניט! אַזוי. איצט עסט א שטיקעל ספּרינג טשיקען, היינט געשאָכטען, עסט! עסט! ווערט היימיש!

באָי: — נענוג! איך בין שוין זאַט.

מוטער: — זאַט, שמאַט, איר האָט נאָך גאָר ניט געגעסען, עסט דאָס שטיקעלע געפילטע העלזעל, בייסט צו א זויערע פּיקעל, שעמט אייך ניט! עסט א זויערע טאָמייטאָ.

באָי: — שוין גענוג, עס גייט מער ניט אריין!

פאָטער: — אריין, א שוויין, באַטענט אָפּ דעם סטראָפּ און עסט.

באָי: — אָבער איך קאָן ניט מער.

מוטער: — פאַרטרינקט א ביסעל וויין.

(באָי טרינקט)

מוטער: — טרינקט נאָך א גלעזעל, אַזוי. איצט עסט א שטיקעל פּודינג.

באָי (מיט כעס): — איך קאָן ניט מער, איך האָב שוין קרעמפּס!

מוטער: — קרעמפּס, טרעמפּס, איר זאָלט אַזוי דערלעבען חתונה צו האָבען מיט מיין לינאַ'ן, ווי איר מוזט עס אויפעסען.

(באָי עסט)

מוטער: — אַזוי! איצט עסט א שטיקעלע האַטקאָרן, א גוט שטיקעל האַטקאָרן! גוט, האַ? עסט נאָך איינס.

באָי: — לאָזט מיך נאָר ארויס פון טיש.

מוטער: — עסט אויף דאָס שטיקעל האַטקאָרן, האַטקאָרן איז זעהר גוט צום מאָגען.

(באָי עסט)

מוטער: — איצט א שטיקעל וואָטערמעלאָן! א טייערע שטיקעלע וואָטערמעלאָן! עסט! נאָר געגעסען!

באָי (מאַכט קולות): — געוואַלד, מיין בויך!

מוטער: — בויך, שמויך, עסט נאָך א ביסעל פלאָמען צימעס.

(באַי פאַלט אויף דער ערד)

פּאַטער: — דער באַי איז אַ קראַנקער.

מוטער: — אַ קראַנקער, אַ שמאַנקער, אַבי ער איז אונזער לינאַ'ס חתן. הויבט אים אויף און זאָל ער נאָך עסען דעם פלאַמען צימעס.

(פּאַטער הויבט אויף דעם באַי און מען גיסט אים אריין אין מויל אַ פּאָר לעפעל פלאַמען צימעס)

מוטער: — איצט מוז ער נאָך עסען אַ בארנע.

(באַי צייגט אויפ'ן בויך, אַז עס טוט אים וועה. ריידען קאָן ער שוין ניט)

מוטער: — דאָס וועט ניט העלפען, ער מוז נאָך אויפ־עסען די בארנע.

(באַי פאַלט צו דער ערד און לאָזט זיך שוין מער ניט אויפהויבען...)

———o———

מען קאָן גלויבען

בעריש: — עס ווילט זיך מיר גאָר ניט גלויבען, דאָס וואָס די צייטונגען שרייבען, אַז אַ דאָקטאר האָט אויסגעפונען אַ מיטעל ווי אַזוי צו מאַכען פון אַלט יונג.

שבתי: — קאָנסט גלויבען בעריש, אָט האָב איך חתונה געהאַט מיט אַן אַלטער מויד, און זי געמאַכט פאַר אַ י ו נ ג ווייבעלע....

* * *

מען זאָל ניט געשטראָפט ווערען!

שבתי: — וואָס מאַכט דיין ווייב?

בעריש: — זי איז קראַנק!

בעריש: — קראַנק? דאָס טויג ניט, עס איז שלעכט און ביטער מיט אַ געזונטער, היינט נאָך מיט אַ קראַנקער!...

* * *

ליעבע

זי: — וויפעל איז דער שיעור אזוי ארומצוגיין?

ער: — ווער הייסט דיר ארומגיין? לאָמיר נעמען די קאַר וועלען מיר פאָרען!

זי: — דו שפּאַסט, און מיר קריינקט דאַס!

ער: — טאָ גיי צו אַ דאָקטאר, וועט ער דיך קורירען.

זי: — ליבסט מיך ניט מער?

ער: — זאָגסט דאָך אליין אזוי.

זי: — איך וועל עס ניט אויסהאַלטען, איך וועל מיר דאָס לעבען נעמען!

ער: — אַבי ניט דעם טויט!

זי: — מיינע עלטערען, מיינע פריידינעס, אלע זיינען מיט דער מיינונג אז דו האָסט מיך ליב, אז דו וועסט זיין מיין שקלאַף, דו וועסט פאר מיר גיין אין פייער און אין וואסער.

ער: — דאָנ'ט באָדער מי!

זי: — שווער מיר, אז דו וועסט קיין אנדערע ניט ליבען א חוץ מיר.

ער: — האָסט ניט געטראָפען דעם קאָסטאָמער!

זי: — דו וועסט פאר מיר מאכען א לעבען?

ער: — ניט איך בין דער מענש אויף דעם.

זי: — אויב דו שווערסט מיר דאָס, דאַן וועל איך פאר דיר גיין ארבעטען. איך וועל וואשען וועש, שקראָבען פרעמדע פלאָרס, האלטען באָרדערס און וועל דיר מיינע גאנצע פאר־דינסטען אוועקגעבען.

ער (פאלט איר אויפ'ן האלז): — איך שווער דיר, איך שווער דיר!...

———o———

אַ פּאַסירונג פון מיין לעבען

איך זאָל אזוי דערלעבען צו פירען מיין ווייב צו דער ארבעט, און אזוי דערלעבען איר יעדען טאָג פון דער ארבעט אהיים צו נעמען, ווי די פּאַסירונג איז איין אמת'ע.

פאָרענדיג קיין באסטאָן א כלה אָנקוקען, האָט מיט מיר איין אומגליק פּאַסירט, די טריין איז פון די רעלסען אראָפּ און שרעקליכעס האָט פּאַסירט.

ביי אייניגע פון די פּאַסאַזשירען האָט עס ארונטערגעריסען הענט, ביי אנדערע פיס, קעפּ, און איך בין געוועזען צווישען די, וועלכע עס האָט געפעלט די נעזער.

איך האָב מיר קיין גרויסען צימעס דערפון ניט געמאַכט, איך האָב מיר געטראַכט אז סיי ווי סיי האָב איך געהאַט א לאַנגע נאָז, איז איידער צו האָבען א לאַנגע נאָז, איז שוין בעסער גאָרניט, און אזוי טראַכטענדיג האָב איך פּאַוואָלענקי ארויסגעדראָפּעט זיך פון אונטער דעם צובראָכענעם וואַגאָן, האָב מיר אָפּגערייניגט מיינע קליידער און זיך געלאָזט גיין אָנקוקען מיין כלה.

אזוי אָפּגייענדיג א פּאָר בלאָק, שטעלט מיך אָפּ א מאַן און פרעגט מיך וואוהין איך גיי.

ענטפער איך אים אז א כלה אָנקוקען.

פרעגט ער מיך וואו איז מיין נאָז.

ווער איך שוין אין כעס און פרעג אים וואָס איז זיינע ביזנעס וואו מיין נאָז איז, וואָס איז ער אן אינספּעקטאָר פון נעזער?

זיין ענטפער איז געווען אז קיין אינספּעקטאָר איז ער ניט, נאָר ער וויל מיך וואָרנען ניט ארומצוגיין אָהן א נאָז, ווייל אויב מען וועט מיך זעהן אָהן א נאָז, קאָן מען מיך ארייג־זעצען און האַלטען אזוי לאַנג, ביז וואַנען עס וועט מיר צוריק אָנוואַקסען א נאָז. הערענדיג ווי דער מאַן רעדט צו דער זאַך, האָב איך מיר צוריק אומגעקערט זוכען מיין נאָז.

אזוי זוכענדיג מיין נאָז, האָב איך דאָרטען אָנגעטראָפען פאַרשידענע נעזער: עס איז דאָרטען געלעגען לאַנגע נעזער;

קורצע נעזוער; קרומע נעזוער און גלייכע נעזוער; גראָבע נעזוער און דינע נעזוער; נעזוער מיט סטים־היט, אייז באָקסעס; טאַבאַק סטאַרעדזשעס, און נעזוער מיט לעכלעך און נעזוער אָהן לעכלעך.

איך האָב קוים געפונען מיין נאָז, האָב איך איינגעוויקעלט אין טישע־פּאַפּיר, אריינגעלייגט אין וועסטעל־קעשענע און בין אוועק צום נאָהנטסטען דאָקטאָר ער זאָל מיר פיקסען מיין נאָז.

דער דאָקטאָר האָט מיך פיין אויפגענומען, און מיך געפרעגט וואָס מיר פעלט.

אדרבא, — רוף איך זיך אָפּ, — איר זייט דאָך עפּעס א דאָקטאָר, געפינט אליין אויס וואָס מיר פעלט!

הייסט ער מיר אויסטאָן זיך, ער וויל מיך אונטערזוכען.

האָב איך אים געפאָלגט, אויסגעטאָן זיך, און ער האָט מיך אונטערזוכט. נאָך א לאַנגע אונטערזוכונג האָט ער מיר דערקלערט אז מיר פעלט קיין זאַך ניט, איך האָב נאָר פלעט פיס.

פלעט פיס? און דאָס וואָס איך האָב קיין נאָז ניט איז ביי אייך גאָר ניט? — צו קאָך איך זיך.

— דאָס האָב איך ניט באַמערקט, — פאַרענטפערט ער זיך פאַר מיר.

— וואָס הייסט איר האָט ניט באַמערקט? א שיינער דאָקטאָר זייט איר!

— פּליעז מיסטער,—שרייט ער אויף מיר, — גיט מיר ניט קיין ארגומענטען, זאָגט וואָס זאָל איך צו אייער נאָז טאָן, צונעהען אָדער צופּייסטען?

— איינפּריימען, — רוף איך זיך אָפּ, — אין א גאָלדענע פּריים.

— קאָם אָן, וואָס זאָל איך טאָן? — וויל דער דאָקטאָר וויסען.

— איך וויל איר זאָלט מיר מיין נאָז צונעהען מיט א געדיכטען שטאָך עס זאָל זיך ניט אויפטרענען באַלד.

— צ׳אָלרייט, — טרייסט מיך דער העררר דאָקטאָר, — איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזען, איך וועל אייער נאָז אַזוי צונעהען, אז טויזענד שניידערס וועלען עס ניט קאָנען אראָפּטרענען, פאַרגעסט ניט איך בין א שניידער פון דער היים, איך

האָב גענעהט זעק אין טשערנאָוויץ!

— גאָהעד, מאַכט דעם דזשאָב! — זאָג איך צו אים, און ער הייסט מיר זיך אוועקלייגן אויף א גלעזערנעם טיש, נעמט א ספּול זעבציגער קאָטען, א גרויסע נאָדעל און...

— הערר דאָקטאָר, — שריי' איך, — איר וועט מיר גאָר קיין שלאָף־טרונק ניט געבען?

— וואָס וועט איר א שטייגער טרינקען, כלאָראָפאָרם אָדער געז?

— א „מאָלטער" ענטפער איך אים.

גיט מיר דער דאָקטאָר א שמיר איבער'ן פּנים און איך ווער אנטשלאָפען.

אָפּגעשלאָפען א האַלבע שטונדע, וועקט ער מיך אויף און זאָגט: — איר קאָנט שוין גיין, אייער נאָז איז געפיקסט.

הויב איך זיך אויף, קריך אַרונטער פון דעם גלעזערנעם טיש, גיב א טאַפּ צו מיין נאָז... קיין נאָז איז ניטאָ!

— דאָקטאָר, וואו איז מיין נאָז?

— זוכט וועט איר געפינען.

הויב איך אָן צו זוכען און געפין מיין נאָז אויף דעם שטערען.

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, וואָס האָט איר געטאָן! איר האָט בארארפט אננעהען די נאָז אונטער די אויגען און צום סוף איז זי גאָר אויף דעם שטערען!

— עקסקיוז מי, — פאַרענטפערט ער זיך פאַר מיר, — איך האָב געמאַכט א מיסטייק.

— וואָס הייסט איר האָט געמאַכט א מיסטייק?

— וואָס איז, איר מאַכט אַלעס גוט? וויל דער דאָקטאָר וויסען.

זעה איך אז דער דאָקטאָר רעדט צו דער זאַך, לייג איך זיך ווידער אוועק, און ער גיט מיר א שמיר און איך ווער אנטשלאָפען.

אָפּגעשלאָפען א שטיקעל צייט, וועקט ער מיך אויף: — איר קאָנט שוין גיין, אייער נאָז איז געפיקסט.

הויב איך זיך אויף, איך גיב א טאַפּ, קיין נאָז איז ניטאָ!

— דאָקטאָר, וואו איז די נאָז?

— זוכט וועט איר געפינען.

הויב איך אָן צו זוכען און צו זוכען, און געפין די נאָז אויף דער אונטערשטער ליפ.

— דאָקטאָר, וואָס האָט איר געטאָן? איר נעמט אַ נאָז וואָס באַדאַרף זיין צווישען מיינע באַקען און איר פּאַקט איר אַרויף אויף דער אונטערשטער ליפּ!

— שאַ, שרייט ניט! לייגט אייך זיך מוחל אויף דעם גלעזערנעם טיש, וועל איך די נאָז אָפּטרענען.

— טרענט אָפּ די נאָז ביי אייער ווייב, ביי אייערע קינדער, וואָס מיינט איר עפּעס, נעזער וואַקסען אויף אַ פּושקאַרט?!

— איר ווילט ניט אָפּטרענען, טאָ קאָן די נאָז זיין דאָרטען, וואו שטעהט עס געשריבען אַז אַ נאָז מוז זיין דאָרטען?....

— הערר דאָקטאָר, איר ווילט מיר אָננעהען די נאָז ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז גוט; אַז ניט, גוד־ביי — און איך לאָז זיך גיין צו דער טיר.

— וואָס לויפט איר? גיט מיר נאָך אַ טשענס! אַ מענש זאָל ניט געבען קיין טשענס!

זעה איך דאָך ווי ער רעדט צו דער זאַך, גיב איך אים אַ טשענס, און בעט, זאָל ער נעמען אַ שטיקעלע טשאָק און אָנ־צייכענען דעם פּלאַץ פון דער נאָז, אַז ניט זאָל ער מאַכען אין דער נאָז אַ באַטענהאָל, אָננעהען אויף דעם פּנים אַ קנעפּעל, וועט מען עס קאָנען צוקנעפּלען... גיט ער מיר אַ שמיר איבער'ן פּנים, און איך ווער אַנטשלאָפען.

אָפּגעשלאָפען אַ שטיקעל צייט, וועקט ער מיך אויף: — איר קאָנט שוין גיין, דער דזשאַב איז געמאַכט.

איך הויב זיך אויף, גיב אַ טאַפּ, מיין נאָז איז דאָ.

— דאָקטאָר, — זאָג איך — עס קומט אייך קרעדיט!

— גיט מיר בעסער קעש — זאָגט דער דאָקטאָר. האָב איך אים באַצאָלט, און זיך געלאָזט גיין צו מיין כלה.

אָפּגעהענדיג אַ פּאָר בלאָק, לאָזט זיך אַ גרויסער שלאַקס־רעגען. — זאָל רעגענען, — טראַכט איך מיר, — וואָס, איך בין פון צוקער?

איך פיהל אָבער וואסער אין מיין קאָפּ!

— וואָס זאָל דאָס זיין, ווי קומט צו מיר וואסער אין קאָפּ? א קשיא אויף א מעשה, אפשר האָט מיר דער הערר דאָקטאר איבערגעלאָזט לעבער אין קאָפּ?

איך הויב מיר אָן אליין צו אונטערזוכען: קיין לעבער איז ניטאָ, וואָס זאָל דאָס פאָרט זיין? — נאָך א לאַנגען זוכען האָב איך אויסגעפונען, ווי אזוי עס קומט וואסער אין מיין קאָפּ.

וואָס מיינט איר איז געווען? דער הערר דאָקטאר האָט געמאכט א מיסטייק, אָנשטאָט וואס ער האָט מיר באדארפט אָננעהען מיין נאָז מיט די לעכלעך אראָפּ, האָט ער זי גאָר אָנגענעהט מיט די לעכלעך ארויף!...

———o———

פריידן און לייד

יעדעס יאָר טהוט מיך מיין פרוי מיט א מיידעלע בעגליקען. ווען דאָס קינד ווערט געבאָרען, קויף איך תיכף א שער אין דער האָרלעם קרעדיט יוניאָן. מיין פרוי האָט מיידלאך, און איך קויף שערס. די יאָהרען פליהען: מיינע שערס הויבען זיך, וואָס קומט מיר אָבער ארויס, אז מיינע מוידען בלייבען מיר זיצען?!....

* * *

אוים און איין

בעריל: — איך האָב געזעהן דיין טאָכטער, זי זעהט זעהר שלעכט אוים.

שמעריל: — יעס, צייט זי געהט אוים מיט א באָי, האָט זי אזא פּנים געקראָגען. אוי אמעריקא! וואָס מעהר זי געהט מיט דעם באָי אוים, אזוי געהט זי אליין מעהר איין......

* * *

אַ שניידער באָס

(מאָנאָלאָג)

מען לאָזט ניט לעבען, אז געה'רג'עט זאָלען זיי ווערען!

איר פרעגט ווער? אָט וועט איר הערען: איך פיקס מיר איין א שאפּקע אין נאָרעק סטריט, שלעפּ צוזאמען א פּאָר מאשינקעס, א פּאָר ביגעל אייזענס, העננ ארוים א סיין פאר „העגט", לויף אין די הייזער און איך ברייננ באַנדעלס און שטעל זיך ארבעטען. נו, קומט מען און מען מאכט טראָבעל.

עס קומט ארויף אין שאפּ א מאַן (דאכט זיך פון פייער דעפּארטמענט), אז א פייער זאָל אויף אים קומען, און זאָגט, אז ער וועט ביי מיר ניט לאָזען ארבעטען, ביז וואנען מיין שאפּ וועט זיין פייער־פּרוּף, דאָס הייסט: איך זאָל איינפּיקסען א פייער־אַלאָרם; באַקלאַפּען אַלע ביגעל באַקסעס, טישען, די פלאָרס אויף וועלכע די פּרעסער שטעהן, מיט בלעך; די פּייפּס פון די געז אייזענס זאָלען ניט זיין קיין ראָבערנע; קויפען אכט גרויסע פּיילס און זיי אָנפילען מיט וואסער... נו, האָב איך נעמאכט מיין שאפּ פייער־פּרוּף, אז געה'רג'עט זאָלען זיי ווערען!

עס גייט ניט אוועק קיין טאָג, קומט זיך ארויף א מאַן, (דאכט זיך פון דער באָארד אָוו העלטה), זאָגט גאָר ניט, נעמט שטריק, מאכע פון דער גאַנצער ארבעט באַנדעלס און זאָגט, אז קיינער זאָל זיך צו די באַנדעלס ניט צורירען, ביז וואנען דער שאפּ וועט זיין אין א סאַניטארישען צושטאַנד. דאָס הייסט, אין מיין שאפּ מוז זיין ריין; עס מוז זיך נעפינען א ווייסער סינק; צוויי טוילעטס; א מעדיצין באקס, ביי יעדען ארבעטער אוועקשטעלען א ספּיטון, און... און דאָ האָב איך אים איבערגעשלאָגען און אים נעפרעגט וואָס עס איז אים אזוי שטארק געלעגען אז מיין שאפּ זאָל זיין א סאַניטארער, וואָס איז? ער וועט דאָך ביי מיר סיי ווי סיי ניט ארבעטען! נו, נו, האָט ער מיר געגעבען!... א ברירה האָב איך געהאַט, כ'האָב מיין שאפּ געמאכט פאר א סאַניטארישען, אז געה'רג'עט זאָלען זיי ווערען!

דויערט עס ניט לאַנג און עס קומט ארויף א מאַן און

פרעגט מיך, מיט וואס פאר א רעכט איך באשעפטיג קליינע קינדער ביי דער ארבעט. דערקלער איך אים, אז ערשטענס האב איך גרויס מיטלייד מיט די ארימע קינדער און גיב זיי א פאר סענט צו פארדינען; און צווייטענס, וואס איז דאס זיינע ביזנעס? עס איז עפעס זיינע קינדער?

ענטפערט ער מיר גאר ניט, און באפעלט די קינדער מיט אים מיטצוגיין, לאז איך ניט; נעמט ער מיך אויך מיט, און... דער ריכטער באשטראפט מיך מיט צוויי הונדערט דאלאר, און זאגט מיר אן מער ניט צו באשעפטיגען קיין קינדער ביי דער ארבעט. נו, האב איך געפאלגט, און אויף די קינדער'ס פלעצער צוגענומען גרויסע מענשען, אז גע'הרג'עט זאלען זיי ווערען!

נו, גייט ניט אוועק קיין וואך, קומט זיך ארויף א מאן מיט גרויסע אויגען-גלעזער, גייט גלייך צו צו די עלעקטריק, סטאפט אפ דעם מאטאר, און גיט א געשריי: — באים, צו א שאפ-מיטינג!

גיבען זיך אלע ארבעטער א הויב אויף פון זייערע פלעצער, און לאזען זיך גיין.

פרעג איך דעם „מאכער“: —וואס האט איר מיר דעם שאפ אפגעסטאפט? זאגט ער: — יוניאן!

— ארבעטער — האט ער געזאגט, זיינען ניט קיין פערד, און אויב איך וויל זיי האבען, זאל איך פריער סעטלען, זיי געבען 44 שטונדען א וואך ארבעט, 5 דאלאר א רייז און... אז גע'הרג'עט זאלען זיי ווערען!

וואס עס געהט

— ווי געהן דיינע געשעפטען?

— די איינציג זאך וואס עס געהט נאך ביי מיר איז דער—וואנדער-זייגער....

* * *

פלעזשור

צוויי מאָל א מאָנאַט האַלט אָפּ די „אינדעפּענדענט ערשטער פּאָנקער אונטערשטיצונגס פאראיין" זייערע מיטינגס. דער ערשטער מיטינג אין מאָנאַט ווערט פאַרהאַנדעלט ביזנעס: מען צאָלט אוים שבעה געלד, קראַנקען און טוידטען בענעפיט. אויף דעם צווייטען מיטינג ווערט קיין זאַך ניט פאַרהאַנדעלט א חוץ פּלעזשור. יעדער ברודער ברייננט מיט זיין פרוי, זיינע קינדער, פריינד, און יעדער ברודער גיט אויף זיין חלק א פּאָר סענט און מען קויפט ביר און שנאַפּס און מען זינגט און מען טרינקט אזוי לאַנג, ביז וואַנען מען הויבט זיך אָן צו שלאָגען, דערמיט שליסט זיך דער מיטינג.

אויף אזא „פּלעזשור מיטינג" האָט א ברודער מיטגעבראַכט זיינעם א קאָזין, וועלכער איז א „שטאַרקער."

ווי געוועהנליך, נאָכדעם ווי די ברידער האָבען אביסעל פאַרזוכט דעם „ביטערען טראָפּען," האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו שלאָגען. ווי נאָר דער „שטאַרקער" האָט דערזעהן א געשלעג, אזוי האָט ער פון זיך באַלד אַרונטערגעכאַפּט זיין רעקעל און גענומען אויסאיבען זיין „טאַלאַנט"...

ווי נאָר דער פּרעזידענט פון פאראיין האָט דאָס דערזעהן, איז ער צו אים צוגעלאָפען און אים דערקלערט, אז קיינער האָט קיין רעכט ניט ביים מיטינג זיך שלאָגען חוץ ברידער פון פאראיין...

— אָלל־רייט! — רופט זיך אָפּ דער שטאַרקער — אויב נאָר ברידער, טאָ זאָגט מיר, זייט מוחל, וויפיל קאָסט ביי אייך פאַרשלאָגס־געלד?

— פינף און צוואַנציג סענט — ענטפערט אים דער פּרעזידענט.

— טאָ נאַט אייך א קוואָדער פאַרשלאָגס־געלד און לאָזט מיר אַנטהייל נעמען אין דעם געשלעג — בעט זיך דער שטאַרקער.

— גוט! — ענטפערט אים דער פּרעזידענט — צייגט וואָס איר קאָנט!

אין א האלבע שטונדע ארום האט מען אוועקגענומען דריי פערטעל ברידער אין די האספיטאלס, מיט בלויע אויגען, אונ־טערגעהאקטע זייטען און צושפאלטענע קעפ....

———o———

א מאסען־האסער

ברודער זויערזאלץ: — טשערמאן און ברידער, מיר די אקטיווע מעמבערס, פייפען אויף דער מאססע: די מאססע איז נאריש, דום און אומוויסענד.

ברודער מאשמעלאן: — טשערמאן, זאל ער אויפהערען צו קריטיקירען די מאססע. אויב די מאססע געפעלט אים נית, זאל ער מאכען א פארשלאג צו ערוועהלען א נייע מאססע....

* * *

אן איידעם א דאקטאר

שוויגער (צו איר איידעם, א דאקטאר): — ווי אזוי קריגט מען די אינפלויענציע?

איידעם: — צו ערשט דארף איך געהן טרערען פון די אויגען, פייפען אין די אויערען, זשומען אין קאפ, רינען פון נאז, שטייף ווערען די צונג, ברעכען די קריזשעס, שטעכען אין די זייטען, האבען הונדערט גראד היץ און אויפהערען רעדען.....

* * *

לייכט צו געפינען

פרוי (אין א בארבער שאפ): — איז מיין מאן דא געוועז?

בארבער: — יע, ער האט ערשט גענומען א שייוו.

פרוי: — ווי קאן איך אים אויפזוכען?

בארבער: — געהט נאך די בלוט פלעקען....

* * *

וויינענדיגע וויצען

טאַטע־מאַמע האָט ער אין איין יאָר פאַרלאָרען, מיט זיינע אויגען געזעהן ווי מען האָט זיי צו קבורה געבראַכט, און דערביי קיין טרערען ניט פאַרגאָסען.

ניט דערפאַר ווייל ער האָט דעם אומגליק ניט באַגריפען, ניין. ער האָט ניט געוויינט, ווייל ער האָט נאָך אין זיין לעבען קיין טרערען ניט פאַרגאָסען.

איצט האָט דער שרעקליכער טויט פון אים זיין פרוי אוועקגעריסען. זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט אַ האַלבען יאָר־הונדערט אָפּגעלעבט; זיין פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי הייס געליבט און טייער געשעצט — זיין פרוי ליגט איצט אַ טויטע, אירע שיינע הימעלשע אויגען זיינען אויף אייביג פאַרשלאָסען, איר שמייכעל פאַרשוואונדען, — זי איז טויט...

ווי שרעקליך איז דער טויט! זיין האַרץ האָט אין אים געוויינט, אָבער פון זיינע אויגען איז קיין טרער ניט אַרויס.

מען האָט דעם טויטען קערפּער צוגעבראַכט צום קבר און לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזען. איינער פון די חברה קדישא האָט איר שערבלאַך אויף אירע אויגען אַרויפגעלייגט, און איר געבעטען מחילה, איינמאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל...

אַהיים געפאָרען איז ער פון בית־עולם אַ נידערגעשלאָגענער, אַ האַלב פאַררוקטער, ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. אַ חוץ דעם האָט זיך ביי אים דער קאָפּ געדרייט, זיינע הענט און פיס האָבען ביי אים געציטערט, זיין האַרץ האָט אים געדריקט, טרערען האָבען אים געשטיקט, אָבער וויינען האָט ער ניט געקאָנט.

געקומען אַהיים, האָט ער זיך שבעה געזעצט. צו פאַרטרייבען אַביסעל דעם אומעט פון זיך, האָט ער מיך איינגעלאַדען אים אַביסעל צו צושטרייען. איך פון מיין זייט האָב „געטרייט מיין בעסט." איך האָב אים געזאָגט אַ פּאָר פון מיינע שענסטע וויצען. און ווי נאָר דער פריינד מיינער האָט פון מיר דעם ערשטען וויץ דערהערט, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק צעוויינט אַז עס איז מיר געווען אוממעגליך אים איינצושטילען....

אַ געטרייע פרוי

מיין געטרייע, איבערגעגעבענע לילי האָט מיך געבעטען, אַז ווען איך וועל מאָרגען צו דער ארבעט אויפשטיין, זאָל איך אַזוי גוט זיין און זי אויפוועקען; האָב איך איר צוליב געטאָן.

צוקומענדיג צו איר בעט, האָט מיין פרוי פון שלאָף גערעדט. נו האָב איך איר ניט געוואָלט איבערשלאָגען און געוואַרט ביז זי וועט ענדיגען.

זעהענדיג אַז עס ווערט שפּעט, האָב איך זי אַ טאָרע געטאָן: — לילי, שטיי אויף, גענוג גערעדט פון שלאָף! דער טאָג איז דיר ווינציג? קאָם אָן, שטיי אויף!

דאָ האָט זיך מיין לילי איבערגעקערט אויף דער אַנדער זייט און אָנגעהויבען ווייטער ריידען: — מיין טייערער אייבי (מיין באָרדער הייסט אייבי), לאָמיר ביידע אַנטלויפען, אַנט־לויפען וואוהין די אויגען וועלען אונז טראָגען. איך קאָן שוין מיט מיין „יאָלד" מער ניט לעבען.... איך האָס אים ווי דעם טויט; איך האָס זיין געלד, זיין אַלעס. איך בין צופרידען ביי דיר אַ שטיקעל טרוקען ברויט צו עסען, אבי נאָר זיין מיט דיר, נו, אייבי, וואָס שווייגסטו? קום, לאָמיר אַנטלויפען איידער עס ווערט צו שפּעט! נאַ, אָט האָסטו מיין יאָלד'ס וואַטש און טשיין, זיינע דיימאָנדס, צוויי ליבערטי באָנדס.... קום, לאָמיר אַנטלויפען!

הערענדיג אַזוינע רייד, האָב איך מיין געטרייער פרוי אויפגעוועקט און איר געזאָגט אַז זי דאַרף פון מיר ניט אַנט־לויפען, ווייל איך וועל איר סאַי־ווי־סאַי ניט נאָכלויפען — זי קאָן געהן מיט אייבי'ן פּאַוואָליע....

* * *

צווישען לאַנדסלייט

גרינערהייט, ווען איך האָב זיך געגוייטינגט אין א פריינד, איז קיינער ניט געווען אין דער היים. היינט, ווען איך בין אביסעל צו זיך געקומען, האָב איך נעקראָגען פריינד, לאַנדס־לייט, קאָזינס און גלאַט געשוועסטער־קינדער.

אנומעלט קומט ארויף צו מיר א לאַנדסמאַן, וועלכען איך האָב נאָך ניט געהאַט די עהרע צו זעהן צייט איך בין אין דעם לאַנד. ער האָט זיך מיט מיר פיין באַגריסט, מיך געפרעגט וואָס איך מאַך, צי איך ארבעט, צי איך פאַרדין. איך האָב אים אויף אַלע זיינע פראַגען געענטפערט און אים שיין באַ־דאַנקט פאַר זיין נאָכפרעגען זיך.

— איך האָב געהערט זאָגען, אז דו ביסט ווערט א שיינע פאַר דאָלאַר, איז דאָס אמת? — פרעגט מיך מיין לאַנדסמאַן.

— וועלל, איך פאַרמאָג א טויזענט דאָלאַר, אביסעל דזשולערי, ניי מיר שיין אָנגעטאָן — ענטפער איך אים.

— זעהר שיין, זעהר שיין! דאָס פרייט מיך זעהר. וואָס רען, אז מען וויל זיין א לייט אין אמעריקע, קאָן מען זיין.... קום, גייסט ארונטער עפּעס טרינקען? — בעט זיך ביי מיר מיין לאַנדסמאַן.

— א שיינעם דאַנק, איך בין ניט דורשטיג.

— טאָ קום צו א שאָו — בעט זיך ביי מיר דער לאַנדסמאַן.

— איך האַלט ניט פון שאָוס.

— טאָ קום פאַר א וואָק.

איך האָב זיך פון אים ניט געקאָנט אָפּטשעפּען און אים צוליב געטאָן.

אין מיטען וועג גיט מיך מיין לאַנדסמאַן א פרעג:

— אזוי, הייסט דאָס, דו האָסט א טויזענד דאָלאַר אין באַנק?

— יעס, — ענטפער איך אים.

— אויב אזוי, אפשר איז מעגליך מיר צו לייען 500 דאָלאַר?

— 500 דאָלאַר? וועלל... בע... מע... פאַרשטעהסט איר

מיך... די זאַך איז די, איך וואָלט אייך ניט אַפּגעזאָגט... נאָר פאַרשטעהט איר מיך.. מיין געלד ליגט אין דער באַנק... און אום פון דאָרטען ארויסצונעמען עפּעס געלד, וועל איך אָנווערען א טאָג וויידזשעס און...

— ווער פאַרלאַנגט פון דיר, חלילה, דו זאָלסט אָנווערען אַ טאָג וויידזשעס? — שלאָגט מיר מיין לאַנדסמאַן איבער. — איך קאָן באַשטיין דיר פאַר דעם טאָג צו באַצאָלען דאָפּעלט. וואָס הייסט, דו זאָלסט אָנווערען אַ טאָג וויידזשעס? תיכף ווי דו ברייננגסט מיר די 500 דאָלאַר, גיב איך דיר אַראָפּ פאַר דיין טאָג וויידזשעס. און אויב דו ווילסט מיר ניט טראַסטען, טאָ נעם דיר אליין ארונטער פאַר דעם טאָג און גיב מיר די רעסט, פאַרשטעהסט?

— איך פאַרשטעה... הייסט דאָס, אז איר ווילט איך זאָל אייך לייען 500 דאָלאַר? וועלל, 500 דאָלאַר איז צופיל! לאָמיר אָנהויבען מיט ווייניגער.

— זאָל זיין מיט 4 הונדערט!

— צופיל!

— זאָל זיין מיט 3 הונדערט!

— צופיל!

— זאָל זיין מיט 2 הונדערט!

— צופיל!

— זאָל שוין זיין מיט 1 הונדערט!

— צופיל!

— נו לאָמיך שוין הערען פון דיר, וויפיל, דענקסטו, וועט זיין ניט צופיל!

— איך ווייס?... איך רעכען... אז אַ קוואָדער איז פּלענטי!

— אַ קוואָדער? ביסטו משוגע?

— מער קאָן איך ניט... אז דו וועסט מער אָפּגעבען דעם קוואָדער, וועל איך דיר שפּעטער לייען אַ האַלבען דאָלאַר; אז דו וועסט מיר אָפּגעבען דעם האַלבען דאָלאַר, וועל איך דיר שפּעטער לייען אַ דאָלאַר, און אזוי ווייטער און ווייטער.

דער סוף איז געווען, אז מיר האָבען זיך אויסגעגלייכט פאַר 60 סענט....

צייט דאַן (עס איז שוין אין דעם באַלד אַ יאָר) האָב איך נאָך מיין לאַנדסמאַן אין די אויגען ניט אָנגעזעהן... עס איז ביי מיר ווערט די 60 סענט וואָס איך בין פון אים פּטור געוואָרען!

———o———

דער חזן איז זיכער

נאכדעם ווי אַ קאָמיטע פון דער סטאראזשיניץ־בוקאָווינער שוהל האָט אויסגעהערט עטליכע חזנים, האָט זיך די קאָמיטע צוריקגעצויגען אין אַ זייטיגען צימער, אום זיך צו בעראַטהען וועלכען חזן מען זאָל אָנשטעלען אויף די ימים נוראים.

די חזנים, צווישען זיך האָבען דערווייל גענומען טרעפען ווער פון זיי וועט אויסגעקליבען ווערען.

— א י ך — רופט זיך אָפּ איין חזן — וועל זיכער בלייבען דאָ.

— איר וועט בלייבען דאָ? — האָבען די אַנדערע חזנים געלאַכט — מען האָט דאָך אייך אָפּגעסטאַפּט אין מיטען דער פּראָבע!

— איך וועל דאָ מוזען בלייבען! — האָט דער זעלבער חזן אויסגערופען מיט זיכערהייט.

— וואָס הייסט איר וועט מוזען?

— ווייל איך האָב ניט אויף קאַר־פעיר אהיים צו פאָהרען...

* * *

זיין בענעפיט

לענדלאָרד: — וואָס הערט זיך עפּעס מיט רענט?

טענאַנט: — איך וועל אייך געבען נעקסטע וואָך.

לענדלאָרד: — נעקסטע וואָך? און וואָס וועט זיין אַז איך וועל ניט דערלעבען ביז נעקסטע וואָך?

טענאַנט:— דאַן וועט זיין מיין בענעפיט.

* * *

מזוזות

זיץ איך מיר אין מיין הויז, און טראַכט, וואו מען נעמט צו באַצאָלען רענט. וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך געגען מיין לענדלאָרד, וועלכער סטראַשעט מיך שוין אַ לענגערע צייט ארויסצוואַרפען פון די רומס. ערשט מען קלאַפּט אין טיר.

„קאָם אין" — זאָג איך — עפענט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך אַ אידעל.

דערפרעה איך זיך, וואָס ס'איז ניט דער לענדלאָרד, ווייל איך ריכט זיך יעדע מינוט אויף אים.

— וואוינען דאָ אידען? —פרעגט דער איד אַ צושראָקענער.

—איר זעהט דאָך אַז ניט קיין טערקען—ענטפער איך אים.

— טאָ פאַרוואָס זשע איז אויף אייער טיר ניטאָ קיין מזוזה? — פרעגט ער ווייטער און קומט אריין מיט אַ סעטשעל אין האַנט.

— וואָס איז אייער געשעפט, צי ביי מיר איז דאָ מזוזות אָדער ניט, — פרעג איך אַ ביסעל מיט כעס — וואָס איז, איר זייט אַן אינספּעקטאָר פון מזוזות?

— ניין! — ענטפערט דער איד — קיין אינספּעקטאָר בין איך ניט, אָבער איך מאַך אַ לעבען פון אָנקלאַפּען מזוזות.

— אויב אַזוי טוט מיר זעהר לייד, איך בין אַ איד וואָס גלויבט ניט אין די זאַכען.

— איר באַדאַרפט ניט גלויבען, — מאַכט דאָס אידעל, — אָבער אָנקלאַפּען זיי מעגט איר לאָזען.

— מיין ליבער איד, אין די זאַכען וואָס איך גלויב ניט וועל איך ניט לאָזען אָנשלאָגען.

— פאָלגט מיך — בעט ער זיך — לאָזט מיר אָנקלאַפּען דאָ מזוזות, איר וועט זעהן, אַז איר וועט דורכדעם זיין מזל'דיג, אַ חוץ דעם וואָס דאָס וועט אייך זיין מזל'דיג, האָבען די מזוזות נאָך אַ מעלה, זיי זיינען אַ גוטע שמירה געגען נישט־גוטע ר"ל.

ער האָט ארויסגענומען אַ רויט טיכעל, אָפּגעווישט דעם נאָז און ווייטער געזאָגט:

— אויב אין אייער הויז ווערט היינגען מזוזות, אזוי וועט אין אייער הויז ניט האָבען קיין שליטה נישט קיין רוחות, נישט קיין שדים, נישט קיין לענדלאָרדס.

דערהערענדיג דעם וואָרט לענדלאָרדס, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט און אים געהייסען אָנקלאַפּען מזוזות.

ער האָט זיך ניט געלאָזט בעטען, ארויסגענומען פון סעטשעל דאָס געצייג און גענומען טאָן די הייליגע ארבעט.

מיט אַמאָל רייסט זיך אריין דער לענדלאָרד מיט א מארשאַל, מיט צוויי שטארקע, און גיט א קאָמאַנדע: העי חברה, וואַרפט אים ארויס!

האָבען די שטארקע לאַנג זיך ניט געלאָזט בעטען, און מ׳האָט גענומען טראָגען מיינע כלי בית אין גאַס ארויס.

— זעהט נאָר וואָס זיי טוען! — ווענדע איך זיך צו דעם מזוזות אידעל.

— זאָלען זיי טאָן — בארוהיגט ער מיך — איר׳ט זעהן ווייטער, וואָס עס וועט זיין.

זעה איך דאָך, אז ער רעדט צו דער זאַך — שווייג איך.

געדויערט עס ניט לאַנג, קומען די צוויי שטארקע ווידער אריין, איינער כאַפּט דאָס בעטגעוואַנד, א צווייטער די געשיער און מ׳טראָגט.

ווער איך אין כעס און שריי: — ר׳ איד, זעהט, זיי טראָגען דאָך פאָרט!

בארוהיגט ער מיך ווייטער:

— איר׳ט זעהן דעם סוף — מאַכט ער — האָט געדולד.

ווער איך פארצווייפעלט און פאַנג אָן שרייען: — גוואַלד ר׳ איד, וואָס וועט זיין?

— גלויבט אין די מזוזות — ענטפערט ער מיר געלאַסען און קלאַפּט ווייטער.

הכלל: איך שריי, ער קלאַפּט און די שטארקע טראָגען. אָדער פארקערט: די שטארקע טראָגען, דער אידעל קלאַפּט און איך שריי.

אין א קורצע צייט איז דאָס גאַנצע הויז געבליבען ליידיג, מיינע אַלע זאכען זיינען שוין געלעגען אין גאַס, בלויז איך

און דער אידעל זיינען פארבליבען. ער האָט זיך געשלאָגען גאַנץ געלאַסען די מזוזות, און איך האָב מיר אין פארצווייפלונג געשלאָגען זיך — קאָפּ אָן וואנט...

באלד איז ווידער אריינגעקומען דער לענדלאָרד מיט די צוויי שטארקע, איז איינער צוגעקומען צו מיר, דער צווייטער —צום אידעל, מען האט אונז א כאפּ געטאָן אויף די פּלייצעס, ווי פּעקלאך, ארונטערגעטראָגען אין גאס און דאָרטען האָט מען אונז ביידען אריינגעשליידערט צווישען מיינע „בעביכעס.“ נאכהער האָט דער לענדלאָרד א ווארף געטאָן דעם אידענ׳ס סעטשעל גלייך מיר אין קאָפּ אריין...

ליגענדיג אזוי איינגעפּלאָנטערט צווישען געז אויוועז און טיש, איז מיין איינציגער געדאנק געווען, — צי וועל איך נאָך אזא „שליידער“ קאָנען אמאָל נאָך זוכען א „דזשאב.“ פּלוצלונג האָט זיך צו מיר צוגעקאראבקעט דאָס מזוזות אידעל אויף אַלע פיער, און גיט מיר איבער א לשון קודש׳דיגען ביל אויף „ב“ דאָלארס „ג“ סענט און פארלאנגט איך זאָל דאָס אים באצאָלען.

איך האָב אים געוואָלט באצאָלען... אזוי ריכטיג באצאָלען, אָבער גלויבט מיר, איך האָב קיין כח ניט געהאט....

———o———

קאַלט און וואַרעם

שבתי: — ווי געהען דיינע געשעפטען?

בעריש: — פרעג ניט, איך האָב שוין געהאט לאקאוואנע, מאנא וואננע, דאנע וואנע, הייסע וואַנע און קאַלטע וואנע.

* * *

אין רעסטאראנט

קאסטאמער: — סעי ווייטער, וואָס איז דער מער וואָס איר דערלאנגט מיר אזוי פיעל וואסער צום טיש?

ווייטער: — כדי איר זאָלט זיך לאָזען גוט פליקען....

* * *

אַ ירושה

צוויי גרויסע שווערע זייגערלאך האָט יאָסעל פאַרמאָגט. איין זייגער איז געווען אַ ירושה פון זיידען און דער צווייטער פון טאַטען. האָט ער זיי אַזוי לאַנג ארומגעטראָגען, אָט די צוויי אַלטמאָדישע זייגערס, סאַי זומער סאַי ווינטער, אין היץ און אין קעלט, אַז דער שטענדיגער „טיק־טאַק" האָט אים אויפ־געררייצט זיינע נערוועין און די שווערע וואָג זייערע האָט אים אויסגעבויגען זיין רוקען.

אָרימער יאָסעל!

געמוזט האָט ער זיי נאָך ביידע טראָגען. ווייל, האָט ער געוואָלט אוועקלייגען דעם זיידענ'ס זייגער אין קאַמאָד, איז געקומען דער זיידע אים צו חלום און אים געסטראַשעט מיט חניקה. ווידער, האָט ער געוואָלט אוועקלייגען דעם טאַטענ'ס זייגער אין קאַמאָד אריין, איז אים געקומען דער טאַטע צו חלום און אים געוואָרענט, אַזוי ווי ער היט ניט אָפּ כבוד אב, וועט ער האָבען כרות יאָרען.

איז נעבעך יאָסלען געווען ביטער פון ביידע זייטען: פון איין זייט דעם טאַטענ'ס „טיק־טאַק," און פון דער צווייטער זייט — דעם זיידענ'ס „טיק־טאַק".

בלויז צוויי מאָל האָט יאָסלען אַ שיין געטאָן דאָס גליק. אָבער ביידע מאָל איז ער געבליבען אנטוישט: איינמאָל האָט אים איבערגעפאָרען אַן אויטאָמאָביל, און אים, יאָסלען הייסט עס, אַזוי צוקאַליעטשעט, אַז ווען ניט זיין האָפנונג, דאָס ענדליך איז ער פּטור געוואָרען פון די זייגערס זיינע, וואָלט ער עס ניט אריבער געלעבט. איז אָבער צו זיין ביטער מזל, ווען יאָסעל האָט זיך שוואַכלאַך געלאָזט גיין פון האָספּיטאַל, צוגעקומען זיין נוירס און האָט באַמערקט מיט אַ שמייכעל: איר האָט מזל, מר, יאָסעל, אייערע זייגערס זיינען אפילו ניט באַרירט געוואָרען...

דעם צווייטען מאָל האָט יאָסעל מיט אַ כיון געלאָזט אָפען טיר און פענסטער, כדי עפּעס אַן אנשטענדיגער גנב זאָל אריין קומען און אוועק'גנב'ענען די זייגערס זיינע. איז טאַקע אַ

גנב געקומען און האָט טאַקע אוועקגעגנב'עט כמעט אַלץ וואָס יאָסעל האָט פאַרמאָגט. אָבער פון יאָסעל'ס גרויס גליק האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די זייגערס זיינע האָבען אַפילו ניט „אַנגעצויגען" דעם גנב זיי צו נעמען אין דער האַנט אריין.

אָרימער יאָסעל!

צוויי מאָל האָט אים די זון אַ שיין געטאָן, און ביידע מאָל האָט זי זיך אויסגעלאָשען און געלאָזט יאָסלען פינסטער אַזוי לאַנג, ביז — מיט אַמאָל האָט יאָסעל'ס ווייב אָנגעהויבען אים יאָדען: ווי אַזוי טראָגט זיך עס אַרום אַ מענש זיין גאַנצען לעבען מיט אַזוינע גרויסע „בודניקעס," עס איז דאָך אַ שאַנדע פאַר מענשען! האָט יאָסעל בלויז געענטפערט: וואָס זאָל איך טאָן, עס איז אַ ירושה!

— נו, האָט די ווייב זיך צולאַכט, — אַז זיי וואָלטען דיר איבערגעלאָזט אַ ביגעל - באַק וואָלסטו זיך מיט דעם אויך ארומגעטראָגען?

אַזוי האָט זי אים געיאָדעט און געיאָדעט, און די זייגערס האָבען אים געשלעפּט און געשלעפּט, אַז יאָסעל האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און זיך געלאָזט פאַרשלעפּען אויפ'ן עולם האמת....

און ביים אָפּענעם קבר האָט זיין, יאָסעל'ס אַלמנה הייסט עס, געשריען: — מיין ליבער יאָסעל! ביים לעבען האָסטו די זייגערס אַזוי ליב געהאַט אַז דו האָסט זיי פון זיך ניט אָפּגעלאָזט — און מיט גרויס ליבשאַפט האָט זי זיי „אָנגעצויגען" און אריינגעלייגט זיי צו יאָסלען אין קבר אריין...

---o---

נאָך ערגער

בערל: — אוי, האָב איך אַ ווייב! אַז איך האַלט אין רעדען שלאָגט זי מיר איבער.

שמעריל: — מיין ווייב איז נאָך ערגער: זי לאָזט מיך אפילו ניט אָנהויבען...

* * *

אַ טרייסט-בריף

מיין טייערע, ליבע מאַמע:

דיין האַרצענרייסענדען בריף האָב איך דערהאַלטען און מיט הייסע טרערען באַגאָסען, לעזענדיג ווי מיין ליעבער טאַטע דיין ברויט-געבער, איז פון די רוסען פאַרשלעפּט געוואָרען, בשעת זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל אריין אין סטאַראַזשינעץ.

דיין איידעם איז געפאַלען אין די קאַרפּאַטהען-בערג און דיין עלטסטער זוהן ליגט איצט אַ בלינדער אין וויענער האָספּיאַטל!

אוי מאַמע, טייערע! וויפיל צרות און וועהטאָג האָסטו זיך שוין אָנגעליטען, צייט די מלחמה האָט אויסגעבראָכען? דיין איינציגער טרייסט, מאַמעניו, איז געווען וואָס דיינע דריי אינגסטע קינדער געפינען זיך איצט אין אַמעריקע אין דעם לאַנד פון פרייהייט און ציוויליזאַציאָן.

איצט, טייערע מאַמע, איז אויך דער שטראַל פון האָפנונג ביי דיר אויסגעלאָשען. אויך אַמעריקע איז אריין אין דער מלחמה!

דארום, טייערע מאַמע, וויל איך דיך בעטען, אז דו זאָלסט זיך ניט ערגערען. אונז דאָ אין אַמעריקע, וועט די מלחמה גאָר ניט באַרירען, ווייל איך אַליין האָב שווינדזוכט אין העכסטען גראַד; דיין מענדעל'ען האָב אַן אויטאָמאָביל ביידע פיס צוקאַליעטשעט (זיין יונגע וויבעל שטופּט אים איצט אויף אַ שטופּ-וועגעלע, ביז זיין פאַראיין וועט מאַכען פאַר אים אַ בענעפיט פאַר צוויי הילצערנע פיס). און דיין מוזיניקעל רבקה האָט שוין חתונה געהאַט.

אַלזאָ, ווי דו זעהסט, טייערע מאַמע, האָסטו זיך גאָר ניט וואָס צו ערגערען. זיי געזונד און געטרייסט. פון מיר דיין זוהן, וואָס וואָלט דיך כאָטש געוואָלט נאָך איינמאָל זעהן,

שבתי טשאַכאַטקע,

13 האַרד-לאָק סטריט,

ניו יאָרק סיטי.

* * *

אָרימע סילוויאַ!

עס איז קיינעמ׳ס שולד נים, וואָס סילוויאַ איז אַ פּאַר־זעסענע. וואָלט זי אין איר יוגענד אַזוי פיל נים געקליבען, וואָלט זי שוין היינט אויך געווען אַזוי גליקליך ווי אירע פריינדינעס: עני, פעני, און דזשעני.

און ווען ראָזענטהאַל, דער אינשורענס אגענט, זאָל זיך איר היינט אין ליבע דערקלערען, וואָלט זי געווען די גליקליכסטע אויף דער וועלט.

ראָזענטהאַל איז אפילו שוין נים קיין יונגער, ער האָט אָבער אַ גוטען פּאָזישאָן. און ווער באַדאַרף דען היינט מער ווי אַ מאַן וואָס האָט אַ גוטען פּאָזישאָן?...

מיט יאָרען צוריק וואָלט זי אפילו אויף אים קיין שפּיי נים געגעבען. אָבער צייט אירע שוואַרצע האָר זיינען גרויליך געוואָרען, צייט אירע רויטע באַקען זיינען בלאַס געוואָרען און צייט אירע אויגען האָבען גרויסע בלויע רינגען געקראָגען, איז ראָזענטהאַל אינטערעסאַנטער געוואָרען....

זי האָט זיך אָנגעהויבען מיט אים מער צו אינטערעסירען, ביז עס איז איר געלונגען אים צו זיך איינצולאַדען.

ראָזענטהאַל האָט די איינלאַדונג מיט דער גרעסטער פרייד אויפגענומען. ער האָט זיך געפילט זעהר געהויבען. דאַכט זיך נים איינמאָל האָט ער געפּרופט מיט איר אַ געשפּרעך צו פאַרפירען, אָבער אַלע מאָל איז ער פון איר דיסאַפּאָינטעד געוואָרען.

אָבער היינט? היינט איז דער גליקליכסטער טאָג פאַר זיי ביידען.

ביי סילוויאַ׳ן איז דער היינטיגער טאָג געווען אַ יום טוב. היינט וועט איר שיקזאַל ענטשיידען ווערען. היינט וועט ראָזענטהאַל איר צו די פיס פאַלען און איר זיין ליבע דער־קלערען. היינט.... אָבער ווי דערלעבט מען שוין די שטונדע? עס איז ערשט פינף דער זייגער. נאָך דריי שטונדען.... וועט זי עס דערלעבען? דער זייגער שלאָגט אַכט. מען רינגט די בעלל; מען גיים אויף די טרעפּ; מען איז ביי איר טיר, און

מען קלאפט אָן.

— קאם אין!

מיט א פריידליכען „גוד איווינינג“ איז ראָזענטהאַל אריינגעקומען, איר האנט געדריקט און אָנגעהויבען:

— סילוויא, ווייסט איר וואָס איך באצוועק מיט מיין היינטיגען קומען?....

— ווער ווייסט? — ענטפערט סילוויא מיט א ציה פון איר אקסעל.

— סילוויא, איך וויל מיט אייך ריידען פון א זאך וואָס קאָן נאָר געערדט ווערען אונטער פיער אויגען.

— וועלל, מיסטער ראָזענטהאַל, אויב איר פארשטייט אז עס באדארף אזוי זיין, דען גאָ אהעד.

— סילוויא, עס האנדעלט זיך וועגען אייער צוקונפט.

— וואָס האָט איר צו מיין צוקונפט?

— איך וויל פאר אייך זאָרגען, איך וויל אייערע צרות אויף מיינע פלייצעס טראָגען. איר זייט נאָך אזוי יונג! איר האָט אפילו א פאר הונדערט דאָלאר אין באנק, אָבער וואָס האָט מען פון געלד, אז מען איז עלענד?

— יא... איר זייט גערעכט...

— סילוויא, ערלויבט מיר איך זאָל זאָרגען פאר אייך. איר ווייסט אז איך האָב א גוטען פּאָזישאָן. איך קריג סטעדי וויידזשעס 50 דאָלער וועכענטליך. איר ווייסט אז מיין קאָמפּאַניע איז איינע פון די ראיעלסטע ביזנעס אויף דער גאנצער וועלט. איר ווייסט אז די לייף אינשורענס קאָמפּאַניע איז שוין אין עקזיסטענץ צייט 1884. סילוויא, איר טאָרט מיר מיר ניט אָפּזאָגען! סילוויא, אויב איר זאָגט מיר אָפּ אזוי.... אזוי....

— פאר וואָס זאָל איך אייך אָפּזאָגען?

— סילוויא!!.... סילוויא!!...

— זאָגט... (איר הארץ קלאפּט) זאָגט....

— סילוויא, נעמט ביי מיר א פּאָליסי!....

סילוויא איז געפאלען אין חלשות.

* * *

טשאַרלי קום שוין נים!

(מיין בינע א מתנה)

הערענדיג דעם שאַפּ טשערמאַנ'ס וויסעל, האָט בעקי די פינישערין אוועקגעוואָרפען ראָק, שער און נאָדעל און איז אזוי ווי פון א פייער אַרונטערגעלאָפען די זעקס פלאָר, ניט ווארטענדיג דער עלעווייטאָר זאָל זי אַרונטערנעמען. זי האָט שנעל געכאַפּט א קאר, אהיים געפאָרען, אָפּגעכאַפּט איר סאַפּער, איבערגעטאָן א ווייסטעל און איז שנעל אוועק אין קראָכמאַל'ס מאָווינג־פיקטשור.

דאָרטען, אין די מאָאווים, דאַרף זי זיך היינט טרעפען מיט איר טשאַרלין, — איר טשאַרלי, וועלכען זי ליבט מער פון איר לעבען.

געקומען אין די מאָאווים איז בעקי מיט א שטונדע צו פריה, האָט זי אויף שנעל פאַרכאַפּט צוויי סיטס, די זעלבע וואָס געכטען און פאַרגעסטערען, און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף איר טשאַרלין.

א שטונדע איז פאַראיבער און איר טשאַרלי איז נאָך ניטאָ, וואָס קאָן דאָס באַדייטען? ווען ער היינט קומען? — שור ווען ער!

נאָך א שטונדע איז אוועק און איר טשאַרלי איז נאָך ניטאָ. דער זייגער איז שוין צען, די מאָאווים זיינען געפּאַקט מיט יונגע פאַרליבטע פּאָרלאַך, איר האַרץ גייט איבער....

א יונגערמאַן קומט צו און פרעגט אויב דער צווייטער סיט איז פאַרנומען.

— יא, פאַרנומען.... איך מיין ניין.... — ענטפערט בעקי אין א נערוועזען טאָן — איר קאָנט זיך זעצען.

דער יונגערמאַן האָט זיך אוועקגעזעצט און געאָרדערט צוויי אייז־קרים קאָנס, א באָקס קענדי, איר ארומגענומען און איר די פיקטשור עקספּליינט.

און בעקי האָט געבעטען גאָט אז איר טשאַרלי זאָל שוין נים קומען! זאָל שוין גים קומען!

אַ מאַסס־מיטינג פון פליגען

(געווידמעט משה שעכטער)

ביי דער מיסעס לאַקשפייזער אין קיטשען האָבען זיך פאַרזאמעלט פליגען פון גאַנצען בלאָק.

עס זיינען דאָרטען געוועזן קאַקרוטשעס, וואַנצען און קנייפּערס, אָבער די מערהייט פון זיי זיינען געוועזן פליגען.

בעפאָר דער ערעפנונג פון דעם מיטינג זיינען שוין געוועזן די רומס געפּאַקט.

עס איז געוועזן באַזעצט די טישען, די טעפּ, די שיסלען, די צוקער־פּושקע, די ברויט באָקס, מיט איין וואָרט, עס איז ניט געוועזן וואו אַ שפּילקע קעפּעל צו וואַרפען.

פּונקט צוויי דעם זייגער איז אַ יונגע פליג ארויפגעשפּרונגען אויף דעם גרויסען שפּיגעל, און דערקלערט דעם פליגען־מיטינג פאַר ערעפענט, און צו דער זעלבער צייט פאַרגעשטעלט קאַמעראַד „צזייזז“ אלס פּעסט־רעדנער.

אַ הילכיגער אַפּלאָז האָט אויסגעבראָכען ווען קאַמעראַד „צזייזז“ האָט אָנגעפאַנגען זיין רעדע:

„שוועסטער און ברידער! די צייט איז געקומען, ווען מיר אַלע פליגען דאַרפען זיין פאַראייניגט. פינסטערע, שוואַרצע באַשעפעניסען, וועלכע טראָגען דעם נאָמען „מענש“ קעמפּפען מיט אונז. זיי באַרימען זיך, אַז זיי טשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט. און דאָס איז אַ גרויסער ליגען. זיי כאַפּען אונז און מוטשען אונז נאָך ערגער ווי מען מוטשעט דעם אידען אין פּוילען.

„פליגען כאַפּען זיי, אָט־אָ־די העלדען! פאַר וואָס כאַפּען זיי ניט קיין עלעפאַנטען? קיין טיגערס?

„שוועסטער און ברידער! פליגען־פּייפּער האָבען זיי פאַר אונז, שוואַכע, ערפונדען, פליגען־פּייפּער — דאָס איז אַ זיסער, קלעפּעדיגער סם, פון וועלכען ביליאָנען פון אונזערע ליבסטע זיינען אלס קרבנות געפאַלען, און רעדט מיט זיי, זיינען זיי נאָך גערעכט! פאַרשידענע ליגענס פאַרשפּרייטען זיי וועגען אונז: זיי באַהויפּטען אַז מיר פאַרשפּרייטען קראַנקהייטען,

אז אויף אונזערע קליינע פיסלאך טראָגען מיר מיליאָנען מי־קראָבען. זיי, די „מענשען“, פאַרדריסט וואָס מיר מערען זיך אזוי שטאַרק, זייערע ביזנעס! מיר מערען זיך אויף זייער ערד? שעמען מעגען זיי זיך! ווער לאָזט זיי זיך ניט מערען?“

ווען דער פעסט־רעדנער האָט אָפּגערעדט, האָבען זיך פילע געמעלדעט צום וואָרט, און קאַמעראַד „ביזז־ביזז“ האָט געקראָגען דאָס וואָרט:

פריינדע! — האָט ער אָנגעפאַנגען, — דאָס וואָס דער פעסט־רעדנער האָט דאָ געזאָגט, איז שוין ניט קיין גיים. איך זאָג אז מיר קאָנען קעגען די מענשען גאָר ניט אויפטאָן, מיר וועלען זיי שוין ניט איבערמאַכען. פון געבורט אָן זיינען זיי בלוטדורשטיג. זיי טויטען זייערע אייגענע שוועסטער און ברידער. שרעקליכע מלחמות פירען זיי קעגען זייערע מיט־מענשען!

„קעגען אונז האָבען זיי ערפונדען פליגען־פייפער, און קעגען זייערע מיט־מענשען האָבען זיי ערפונדען האַרמאַטען, קאַנאָנען, גראַנאַטען און אַנדערע געציינג. צווישען אונז גע־רעדט, זיינען מיר....

דאָ האָט אויסגעבראָכען א טומעל אין קיטשען: „פאַר־רעטהער! שפּיאָן!“ — האָט זיך געהערט פון אַלע ווינקעלאך, און עס האָט גענומען א שטיק צייט ביז עס איז געלונגען דעם טשערמאַן צו שאַפען א ביסעל אָרדנונג.

ווען עס איז שטיל געוואָרען, האָט מיסס „קססס“, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דעם נעזעל פון דער מיסעס לאָקשפּייזער׳ס בייבי, אָנגעפאַנגען:

„שוועסטער און ברידער! איר האָט אַלע גערעדט און קיין פּראַקטישען פאָרשלאַג האָט קיינער ניט געמאַכט. איך מאַך א פאָרשלאַג אז מיר זאָלען....

דאָ האָט זיך די טיר געעפענט און די מיסעס לאָקשפּייזער איז אַרויפגעקומען פון דער גראָסערי. דערזעהענדיג אזוי פיל פליגען, האָט זי באַלד געעפענט אַלע פענסטער, גענומען דעם בעזים און צוטריבען דעם גאַנצען מיטינג.

———o———

אַ דאָקאָר נהרג׳ט אַ דאָקטאָר

שפּאַצירענדיג דורך סעקאָנד עוועניו, האָב איך באַגעגענט מיין פאַראיין דאָקטאָר „אי שוד וואָרי״.

העללאָו, דאָק! — באַגריס איך אים — וואוהין לויפט איר דאָס אַזוי, צו אַ קראַנקען אודאי?

— איך לויף איצט צו אַ געזונטען — ענטפערט מיר מיין פאַראיין דאָקטאָר.

— אים קראַנק מאַכען? — פרעג איך אין שפּאַס.

— ווער ווייסט? עס קאָן זיין, איך זאָל אים קראַנק מאַכען, און עס קאָן זיין, איך זאָל אים אינגאַנצען אויך הרג׳ענען. עס ווענדעט זיך ווי אַזוי מיינע קלעפּ וועלען אויף אים ווירקען.

— וועמען מיינט איר דאָס, הערר דאָקטאָר?

— איך מיין מיינעם אַ פריינד, אויך אַ דאָקטאָר.

— אייערען אַ פריינד גייט איר שלאָגען? פאַר וואָס?

— קומט מיט מיר, וועל איך אייך דערציילען.

איך גיי און ער דערציילט:

— צוריק מיט אַכט יאָר האָב איך זיך באַקאַנט מיט אים. מיר האָבען זיך אין די אַכט יאָר געלעבט ווי צוויי ברידער. ווען מען פלעגט מיך, אַ שטייגער, אַ רוף טאָן צו אַ קראַנקען, און איך האָב באַמערקט ביים קראַנקען אַ וואַטש־און־טשיין; ביי דער פרוי דיימאָנדס; אין פראָנט רום אַ פּיאַנאָ, אַזוי פלעג איך תיכף מאַכען אַ רעש, אַז דער קראַנקער איז געפערליך, און אום צו רעטען דעם קראַנקען מוז מען האָבען אַ פּראָפעסאָר. ווי געוועהנליך, איך האָב שוין געטרייט מיין בעסט, אַז דעם פּראָפעסאָר וואָס מען וועט רופען, זאָל זיין מיין פריינד, דער דאָקטאָר. און ווען דער פּראָפעסאָר איז געקומען, האָבען מיר זיך תיכף גענומען צום קראַנקען. מיר האָבען אים פאַרשריבען מעדיצינען, פון וועלכע עס זאָל אים ניט ווערען בעסער און ניט ערגער.

אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטען ביז לעצטע וואָך.

לעצטע וואָך שיקט מען מיך רופען צו אַ קראַנקען. איך

קום ארויף, זעה איך: אין הויז איז פינסטער, נאס, קאלט, און קליינע קינדער לויפען ארום נאקעט און באָרוועס. זעהענ־דיג אזא סצענע, האָט מיך א קלעם געטאָן ביים הארצען, און איך האָב דערקלערט אז דער קראנקער מוז שטארבען; ער וועט שטארבען אין א פאָר שטונדען ארום. האָט איר געדארפט זעהן וואָס דאָרטען האָט זיך אָפּגעטאָן! עס איז געוואָרען א געוויין, א געשריי, מענשען זייגען זיך צונויפגעלאָפען, די קליינע קינדער האָבען געשריען: פאפא! פאפא! מיין פּור פאפא! די ווייב האָט זיך ביי די האָר געריסען: — גאָט, גאָט נים צו מיין ברויט־געבער, מאך נים מיינע קינדער פאר לעבעדיגע יתומים!....

איך האָב זיי נאָך אמאָל דערקלערט אז עס איז „נאָ יוז“, ער מוז שטארבען, און בין מיר אוועק אהיים.

מיינט איר דאָך אודאי אז זיי האָבען מיך געהערט? ווייכ איך וואָס! גלייך נאָך מיין אוועקגיין האָבען זיך די שכנים צוזאמענגענומען און באשלאָסען צו רופען אַן אנדער דאָקטאר, און גראדע איז דער דאָקטאר וואָס זיי האָבען גערופען, געווען מיין פריינד. ווי נאָר דער דאקטאר, דאָס הייסט מיין פריינד, האָט דעם קראנקען אונטערגעזוכט, האָט ער אים תיכף א מעדיצין פארשריבען, און ער איז אין א קורצע צייט געזונד געוואָרען.

— אזוי? טאָ פארוואָס ווילט איר אים איצט שלאָגען, דאָקטאר? אייער פריינד האָט דאָך א נאָבעלע ארבעט געטאָן! (פאַל איך אריין דעם דאקטאר אין זיינע רייד.)

— נאָבעלע מאי אי! דאָס איז ביי אייך א נאָבעלע ארבעט? ער האָט דאָך מיך רואינירט!

— רואינירט? ! מיט וואָס? — פרעג איך.

— מיט וואָס? פרעגט איר, ווי אזוי וועל איך איצט קאָנען ציינען מיין פּנים פאר דער וועלט? אז איך האָב געזאָגט, אז דער קראנקער מוז שטארבען, האָט ער אים באַ־דארפט לאָזען שטארבען און נים פארשרייבען קיין מעדיצין! איצט ווייסט איר שוין פארוואָס ער איז ווערטה קלעפּ?

* * *

אַ קרבן, געבעך

אַ לאָקאַל פון דער גרויסען שניידער יוניאָן האָט סטרייק־בענעפּיט אויסגעצאָלט. יעדער סטרייקער וועלכער איז ער־שינען פאַר דער סטרייק־קאָמיטע, האָט זיין בענעפיט געקראָגען.

פילע סטרייקערס וועלכע וואהנען אויסער דער שטאָדט, האָבען געוואָלט פריהער קריגען אויסגעצאָלט, און דערפאַר איז צווישען די וואַרטענדע סטרייקערס געוואָרען אַ שטופּעריי.

ווען די טיר פון דער סטרייק־קאָמיטע האָט זיך געעפענט, איז אַ סטרייקער אַריינגעשטופּט געוואָרען.

דער סטרייק טשערמאַן ל. אַדלער, האָט דעם סטרייקער אָהן פראַגען זיין בענעפּיט געגעבען. דער סטרייקער האָט שיין באַדאַנקט און איז געגאַנגען זיין וועג.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען אַ שטיק צייט, ביז.... ביז די טיר האָט זיך געעפענט און אַ שאַפּ־טשערמאַן איז אַריינ־געשטופּט געוואָרען.

דער סטרייק־טשערמאַן האָט דעם שאַפּ־טשערמאַן צוגעע־רופען, און אים אַכט דאָלאַר געגעבען.

דער שאַפּ־טשערמאַן האָט די אַכט דאָלאַר ניט געוואָלט נעמען. ער האָט געוואָלט דערקלערען, אַז ער איז ניט געקומען נאָך בענעפּיט, נאָר צו באַצאָלען זיינע דיוס, און אַז דורך אַ צופאַל איז ער אַריינגעשטופּט געוואָרען פון די סטרייקערס.

דער סטרייק־טשערמאַן האָט אים ניט געלאָזט ריידען: —

איך וויל ניט הערען קיינע ספּיטשעס, — האָט דער סטרייק־טשערמאַן דערקלערט.

— אָבער טשערמאַן, לאָזט מיר עפּעס זאָגען — בעט זיך דער שאַפּ־טשערמאַן.

— עס איז אייך ווינציג אַכט דאָלאַר? טאָ נאָט אייך נאָך דריי דאָלאַר און גייט אייך געזונטערהייט.

— אָבער, ברודער סטרייק־טשערמאַן, איך וויל ניט קיין בע....

— גייט! גייט!

און אָננעמענדיג אים פאַר'ן האַנט, האָט ער אים אַרויס־

געפירט פון צימער.

ווען די סטרייקערס האבען דערזעהן דעם שאפ-טשערמאן ארויסקומען מיט סטרייק-בענעפיט, זיינען זיי אים באלד באפאלען: — דו נעמסט אויך שטיצע? דו אזוינער, דו פייקער! עס פעלט דיר אויס? —

דער שאפ-טשערמאן האט זיי געוואלט דערקלערען דעם גאנצען טעות, אבער די סטרייקערס האבען אים ניט געלאזט, און האבען אים גוט אנגעבראכען די ביינער.

—————o—————

א מאנאלאג

קראנקער: — זעהן מאנאטען לייד איך שוין פון מיין קראנקהייט. אויסגעוועזן ביי הונדערטער דאקטוירים, און קיין איינער פון זיי האט מיר ניט געקאנט ערקלעהרען וואס מיר פעהלט.... ביז נאך האט מיר געהאלפען, א פאר גנבים האבען מיר באזוכט און יעצט בין איך ענדליך געוואהר געווארען וואס מיר פעהלט.... עס פעהלט מיר א סעט זילבערוואַרג, א פאר שטיקלאך קאט-גלעס, א וואטש און טשיין און מיין ווייב׳ס מערידזש-רינג....

* * *

א סימן

בעטלער (צו א פארבייגעהער): — שענקט מיר א פאר סענט, איך בין אמאל גוט אפ געווען, געהאט הייזער, האב אבער אלעס פארלארען.

פארבייגעהער: — איר האט געהאט הייזער?

בעטלער: — איר ווילט מיר ניט גלויבען? נאט זעהט, אט האב איך נאך די שליסלען פון זיי!

* * *

אריינגעפאַלען

ליליע האָט זי געהייסען. זי האָט מיך געליבט מיט איר הארץ און מיט איר נשמה. זי האָט מיך מיט איר ליבע פאַר־פאָלגט אויף שריט און טריט. ביז ענדליך, איך האָב אויף איר רחמנות געקראָגען און איר ליבע ערווידערט.

ווען זי האָט פון מיר די ליבעס דערקלערונג געהערט, איז זי פאַר פרייד צו מיינע פיס געפאַלען. איך האָב זי מיט גרויס מיה אויפגעהויבען (זי האָט געוואויגען 199 פונט) געהאָלפען ברייננגען אירע קליידער אין ארדנונג און זי באַגלייט אהיים.

צוקומענדיג צום סטוף האָט מיך ליליע געבעטען ארויפ־גיין און „מאַכען א וואָרט". איך האָב איר צוליב געטאָן.

ווען איך האָב אין דער אנוועזענהייט פון אירע עלטערען איר דערקלערט ליבע, און צוגעזאָגט אין צוויי וואָכען ארום א חופה שטעלען, איז מיר ליליע ווידער געפאַלען צו די פיס. איך האָב זי מיט שווערע מיהע ווידער אויפגעהויבען, געהאָלפען ברייננגען אירע קליידער אין ארדנונג, און בין מיר געגאַנגען אהיים.

אין דעם נאַכט פון אונזער חתונה, בשעת מיר זיינען גענשטאַנען אונטער דער חופה און כ'האָב דאָס באַרימטע פאַסיר וואָרט „הרי את" געזאָגט, אזוי איז מיר ליליע ווידער צו מיינע פיס געפאַלען. כ'האָב זי ווידער מיט שווערע מיהע אויפגעהויבען, געהאָלפען ברייננגען אירע קליידער אין ארדנונג און אריינ־געזעצט זיך מיט איר אין אַן אויטאָמאָביל און מיר זיינען אוועק אויף אונזער „האָני מון."

א חודש נאָך דער חתונה האָב איך זי געשיקט ארבעטען. האָט זי זיך געקוויינקעלט. האָב איך איר פאַרפאָרען אין פרע־סער. נו, איז זי מיר ווידער צו די פיס געפאַלען.

מיר איז די זאַך ניט געפעלען געוואָרען, ביי יעדער קלייניגקייט פאַלט זי מיר צו די פיס! בין איך אוועק צו אירע עלטערען און געפרעגט די אורזאַכע.

האָט מיר איר מוטער מיט טרערען אין די אויגען דער־קלערט, אז ניט אויס פלעזשור פאַלט זי דאָס אזוי אָפט; זי

פאלט ווייל זי ליידעט נעבעך פון דער „פאלינע“.
אז איב האב דאס דערהערט, בין איך אליין נעפאלען אין חלשות...

———o———

א גליקליך פאמיליען־לעבען

לילי (צו איר מוטער, וועלכע בענשט ליכט): — זאג מיר, מאמא, וואס טוהסטו?
מוטער: — איך בענש די ליכט.
לילי: — דעם פאפא שילטסטו און די ליכט בענשסטו?
מוטער: — ווען דיין פאפא וועט אזוי ברענען ווי די ליכט, וועל איך אים אויך בענשען...

* * *

מיט אלע מעלות

שדכן: — הערט איר, איך האב פאר אייך א כלה — שוין איינמאל א כלה! שעהן איז זי ווי יוסף הצדיק; קלוג — ווי שלמה המלך; שטארק — ווי שמשון הגבור און רייך ווי קורח!
בחור: — און ווי אלט איז זי?
שדכן: — אלט ווי תרח!...

* * *

עס איז אזא וועלט

אלריימטניצע (צו איהר דינסט): — סעי מערי, עס איז נאו יוז, איך גלצך דיך ניט, און דערפאר קאן איך דיך ניט האלטען.
דינסט: — נו וואס קאן מען טהון? הלמאי גלייכט אייך ניט אייער מאן, און פונדעסטוועגען האלט ער זיך מיט אייך! עס איז שוין אזא וועלט....

* * *

אַ געוועט

ער האָט זיך געוועט מיט זיינע פריינד אַז ער וועט אויפעסען הונדערט המן־טאַשען. זיינע פריינד האָבען אים ביים וואָרט געכאַפּט און אים געהייסען צייגען וואָס ער קאָן.

מען איז אריינגעגאַנגען אין אַ באַקאַנטען רעסטאָראַן און געאָרדערט הונדערט המן־טאַשען. עס האָט ניט לאַנג גענומען און דער אָרדער איז שוין געווען אויפ'ן טיש.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די המן־טאַשען, געבעטען ענטשולדיגען אים אויף צען מינוט, און איז עהנגעץ פאַרשוואונדען געוואָרען.

אין צען מינוט שפּעטער איז ער אריינגעקומען, זיך אויסגעטאָן דעם ראָק און וועסט, זיך אויפגעבאָטענט דעם קאָלאַר און אויפגעגעסען די הונדערט המן־טאַשען.

זיינע פריינד האָבען אים אויסגעצאָלט דעם וועט און אים צו דערזועלבער צייט געבעטען ער זאָל זיי דערקלערען וואוהין ער איז אוועק אויף די צען מינוט.

און ער האָט זיי דאָס דערקלערט:

היינט אין דער פריה האָב איך צו ברעקפעסט אויפגעגעסען 300 הונדערט המן־טאַשען, מיט צוויי שטונדען שפּעטער האָט מען זיך מיט מיר געוועט אויף 100 המן־טאַשען, בין איך ניט געווען אין גאַנצען זיכער אויב איך וועל זיי קאָנען אויפעסען, און דעם וועט וואָס איך האָב געמאַכט מיט אייך, האָב איך זעהר ניט געוואָלט פאַרלירען. נו, בין איך אוועק אין אַ פּאָר רעסטאָראַנען, אויפגעגעסען אַלע המן־טאַשען וויפיל עס איז געווען, אַזוי אַ 500 אין צאָל. און אַז איך האָב געזעהן אַז איך האָב אויפגעגעסען 500, בין איך שוין געווען זיכער אַז איך וועל קאָנען די 100 אויך אויפעסען. איר פאַרשטייט?

———o———

די וועלט און איך

וועלט: — זאָג מיר ווער דיינע פריינד זיינען, וועל איך דיר זאָגען ווער דו ביזט.

איך: — עס איז קיין באווייז, ווייל מען קאָן האָבען גאנץ גוטע פריינד און אליין זיין א גרויסער פאסקודניאק.

וועלט: — יעדער אָנהויב איז שווער.

איך: — ניט ביי מאכען חובות, ווייל מאכען א חוב איז לייכט, אָפּגעבען איז זעהר שווער.

וועלט: — לעב און לאָז לעבען.

איך: — ווער טשעפּעט דיך?

וועלט: — האָב ליב דיין שכן ווי זיך אליין.

איך: — דעם שכן, אָבער ניט די שכנ'טע.

וועלט: — בארגען מאכט זאָרגען.

איך: — ווועמען ארט עס? מיר בארגט מען סאי ווי סאי ניט!

וועלט: — אָרעמקייט איז קיין שאנדע.

איך: — עס איז א וועהטאָג.

וועלט: — שנייד מיך אין שטיקער, נאָר וואַרף מיך צווישען אייגענע.

איך: — מיינסט עס ערנסט? געה שוין געה!

וועלט: — פאר ברויט גיט מען אָפּ מיט שטיינער.

איך: — עס וואָלט מיך ניט געארט ווען זיי זיינען באמת דימענטענע!

וועלט: — די וועלט איז אייך שולדיג א לעבען.
איך: — דעטס רייט, נעמט דאָס אייך....

וועלט: — גאָט זיצט אויבען און פּאַרט אונטען.
איך (מיט א זיפץ): — אוי, פּאַרט ער!....

וועלט: — פון א חזיר'ס עק קאָן מען קיין שטריימעל נים מאַכען.
איך: — אָבער א טשאוקער (וואָס די מיידלאך טראָגען) דאָס יא.

וועלט: — זיבען איז א ליגען.
איך: — עס איז א ליגען, אַז זיבען איז א ליגען.

וועלט: — געלד רעגירט די וועלט.
איך: — אַזא פּנים האָט עס טאקע!

וועלט: — אַלטע ליבע ראָסטעט נים.
איך: — אָבער בלוט־פּאיזען קאָן מען קרינען פון איר...

וועלט: — אַז מען לעבט מיט רעכנונג שטאַרבט מען מיט וידוי.
איך: — זעהר פיין, צו שטאַרבען מיט דער וידוי...

———o———

ליבע

זי האָט מיך געליבט אויף וויפיל א מיידעל'ס הארץ קאָן נאָר ליבען. אָבער וואָס מער זי האָט מיך געליבט, אלץ קעלטער בין איך צו איר געוואָרען.

איך האָב זיך ביי איר א פּאָר מאָל געבעטען זי זאָל די ליבע פון קאָפּ ארויסשלאָגען. עס זיינען פאראַן שענערע, קליגערע פון מיר, און א חוץ דעם בין איך ניט ווערט צו זיין אירער...

איז זי מיר צו די פיס געפאלען און מיט טרערען דער־קלערט, אז אויב איך וועל מיט איר ניט חתונה האָבען, וועט זי זיך דעם לעבען נעמען.

הערענדיג אז עס האַלט שוין אזוי ווייט, האָב איך די שטאָדט פארלאָזען.

יאָרען זיינען פארפלויגען. מיין געוויסען האָט מיך אָנ־געהויבען צו פּלאָגען. דורך מיר איז א יונג לעבען פון דער וועלט געגאנגען; איך בין דער שולדיגער.

אָרימע מיידעל!

איך האָב ניט געקאָנט רוהען, בין איך צוריק אוועק אין דער שטאָדט, אָנגעהויבען נאָכצופארשען אויב זי האָט איר סטראשונאָק אויסגעפירט.

און איך האָב אויסגעפונען, אז אויף מאָרגען נאָך מיין פארלאָזען די שטאָדט, האָט זיך, די נאָבעלע, די גוטע, די אייביג געטרייע, דעם לעבען גענומען....

זי האָט חתונה געהאַט, גענומען א רייכען מאַן, וואהנט אין א פּאלאַץ, איז באהאנגען מיט בריליאנטען און פאָרט אין אויטאָמאָבילען.

מיט איינעם וואָרט: זי האָט זיך גענומען דעם **לעבען**, ניט דעם **טויט**....

14 פונקטען

שרייבט אויף איין זייט פאַפיר, כדי דער הערר רעדאַקטאָר זאָל זיך קאָנען מיט דער אַנדער זייט באַנוצען.

פאַרלאַנגט ניט קיין געצאָלט פאַר אייער שרייבען, וואָרים איר וועט עס ניט קריגען.

רעספּעקטירט מער דעם וויסט־בעסקעט ווי דעם רעדאַקטאָר, ווייל דער וויסט־בעסקעט ווייזט קיין מאָל אייער שרייבאכץ צוריק.

קריכט ניט אין די הויכע רעדאַקציעס וואו איר אינשורט זיך ניט פריער.

צו וואָס שרייבען ראָמאַנען? א ראָמאַן שפּילט מען!...

אויב איר באַנוצט זיך מיט יענעמ׳ס א זאַך, שרייבט ניט צו קיין אייגענע. ווייל דאָס ביסעלע אייגענע קאָן נאָך יענעמ׳ס אין גאַנצען קאַליע מאַכען.

האַלט אייער טינט אין א פּערפיום פלעשעל, דאַן קאָנט איר זיכער זיין אַז אַלעס וואָס איר׳ט צושיקען, וועט געוויס דעם רעדאַקטאָר שמעקען.

לאָזט אייך ניט דריקען אייער האַנט פון דעם רעדאַקטאָר, ווייל עס קאָן זיין אַז פון דעם רעדאַקטאָר׳ס דריקען, וועט איר שוין מער ניט קאָנען שרייבען, אייער האַנט וועט שוין זיין א צוקוועטשטע.

לעזט ניט קיין ווערק פון די גרויסע שרייבערס, ווייל צווישען אונז גערעדט, לעזען זיי דען די מייסטערווערק וואס איר האט געשאפען?

ווען איר באגעגענט אייערם א זאך, אונטערגעשריבען מיט א גרויסען הומאָריסט'ס נאָמען, טאַ מאכט ניט קיינע סקאנדאלען.

דערציילט ניט פאר קיינעם קיינע וויצען, ווייל מען וועט פון זיי לאכען.

דער גרויסער הומאָריסט האט אייך באַ'גנב'עט? גייט שוין גייט! איר נעמט דאך פון אים! ניט אזוי?

שרייבט ניט קיין וויצען, קיין סקיצען, קיין עדיטאריעלס. איר ווילט מיך פאלגען? שרייבט גאָר ניט. פאקט עס איין!

---o---

א סוקסעס דראמא

בעריש — סעי שבתי, דיין נייע דראמא וועט זיין א סוקסעס. ביים דריטען אקט, ווען דער זוהן טרייבט ארויס זיין מאמען, האט זיך א יונגע ווייבעל מיט א קליין קינד אזוי צו־וויינט, אז עס האט געדויערט א שטיק צייט ביז מען האט זיי איינגעשטילט.

פערפאסער: — וואס האבען זיי געוויינט, עס האט זיי בעריהרט?

בעריש: — וואס בעריהרט! דער יונגער פרוי האט די צייהן וועה געטוהן, און די בייבי האט געוואלט די ברוסט....

* * *

אין קאָורט

(געווידמעט מיין ליעבלינג־ארגאניזאציאן די אינדעפענדענט
ערשטע סטאַראָזשינעץ־בוקאָווינער קראנקען
אונטערשטיצונגס פעראיין)

קליורק: — ווי אזוי הייסט איר?
— איך היים לייבעלע לאַקשען־שפייזער.
— ווי אזוי ספעלט איר אייער נאָמען?
— דאָס קאָן מען ניט ספעלען, מען שלינגט דאָס ווי הייסע לאַקשען.
— ווי אלט זייט איר?
— איך ווייס ניט.
— דערמאָנט זיך.
— ווען מיין טאטע האָט חתונה געהאַט איז ער אלט געווען 19 יאָר מיט 4 מאנאטען, שפעטער בין איך געבאָרען געוואָרען. מיט 6 יאָר צוריק איז מיין טאטע געשטאָרבען אין סיון, און מיין מאמע האָט ווידער חתונה געהאַט אין תמוז!... אזוי אלעס צוזאמען בין איך אלט 39 יאָר אָדער גאָר 45 יאָר.
— זייט איר פארהייראט?
(נערוועאיז) — יעס! באַט עס איז ניט געווען מיין שולד. זי האָט מיך געצוואונגען מיט געוואלד.
— ביי וואָס ארבעט איר, מיסטער לאַקשען־שפייזער?
— ווען?
— וואָס הייסט ווען? איצט, היינט, אלע מאָל!
— מיסטער צענזוס מאַכער, איך מוז וויסען! ביקאָס פון 6 ביז 8 בין איך א שמש אין דער פלאַצקער שול; פון 8 ביז 10 זאָג איך תהלים פאר שלאָפע מענשען; פון 10 ביז 4 בין איך א קאָלעקטאר פאר א תלמוד תורה; פון 4 ביז 6 פעדעל איך מיט זאָקען און פון 6 ביינאכט ביז 6 אין דער פרי בין איך א וואטשמאן אויף א סעמעטערי.
— סופאָרטעט איר אייער פרוי?
— א ברירה האָב איך!
— ועמען נאָך סופאָרטעט איר א חוץ אייער פרוי?

— אַ חוץ מיין פרוי סופאַרטע איך נאָך בערישין, שבתי׳ן, איטשע מאיר׳ן, יאָשע פינע׳ן, עני, פעני, דזשני, גאַסי און בעקי׳ן.

— זיינען זיי דאָס אייערע ברידער און שוועסטער?

— וואָס פאַר אַ ברידער, וואָס פאַר אַ שוועסטער? דאָס זיינען מיינע באָרדערס.

— אייערע באָרדערס? באַצאָלען זיי אייך דען ניט?

— באַצאָלען? אַ גאַנצע וואָך עסען זיי אויף טראַסט, און מיין אידענע פאַרשרייבט עס אויף אַ ביכעלע, און צו ענדע וואָך, אַז עס קומט צו באַצאָלען, איז ניטאָ קיינער אין דער היים.

— וואָס מיינט איר?

— וואָס זאָל איך מיינען? אָדער זיי רייסען אויס די בלעטלאך פון ביכעל אָדער זיי גנב׳ענען עס אוועק אין גאַנצען.

— האָט איר עפּעס פאַרמעגען?

— איצט ניט. איך האָב אָבער גוטע אויסזיכטען.

— ירושה אודאי!

— ניין, ניט קיין ירושה. איך האָב אַ לעבעדיגען טשעק און 4 לעבעדיגע נאָטס צו קאָלעקטען.

— וואָס פאַר אַ טשעק און וואָס פאַר נאָטס?

— דער לעבעדיגער טשעק, דאָס איז מיין ווייב. איך האָב זי אינשורט אויף 1000 דאָלאַר; און די לעבעדיגע נאָטס — דאָס זיינען מיינע 4 קינדער, וועלכע וועלען אין גיכען גיין ארבעטען און מיר אריינברייגגען די פיידע.

— וואָס צווינגט אייך צו ווערען אַ סיטיזען?

— קיינער צווינגט מיך ניט. איך האָב פיינט אַז מען צווינגט מיך! אָט האָט מיך אמאָל מיין מאַמע געצוואונגען חתונה צו האָבען מיט אַ מיידעל, האָט זי מיך באַגראָבען אויפ׳ן גאַנצען לעבען. אַזאַ שקאַפּע האָט נאָך די וועלט ניט געזעהן, אַ קראַנקע, אַ מיאוסע... איך האָב פיינט אַז מען צווינגט...

— ווער מאַכט די געזעצען אין לאַנד?

— וואָסי? איר ווייסט דען ניט? איר ווייסט דאָך בעסער פון מיר... הלואי זאָל איך אַזוי וויסען ווי איר ווייסט!

— וועלל, קומט אַ צווייטען מאָל.

— אלרייט. איך האב צייט. כ'וועל זיך ארייננכאפען, אז מע'ט דערלעבען, ארום „שבת נחמו" אדער ארום די ערשטע „סליחות". גוד ביי!

— גוד ביי!

א סורפרייז

פאליסמאן: — סעי מיסטער, וואוהין שלעפט איר דאס דעם טשיינימאן?

מיסטער: — איך שלעפ אים צו מיין ברודער מענדעל, ער האט לעצטע וואך חתונה געהאט, האט אים מיין שוועסטער געקויפט א טשייני-קלאזעט, און איך וויל אים אויספילען מיט א טשיינימאן...

* * *

די דריי ווערטער

מצבה-קריצער: — וואס אויסהאקען אויף אייער שווינגער'ס מצבה?

איידעם: — קלאפט אויס דריי ווערטער:

ענדליך — פטור — געווארען

* * *

ביי די גזלנים אין די הענד

בערל: — א שווארץ יאר אויף מיין לענדלארד, ער האט דאך מיר שוין ווידער געהייזט די רענט!

שמערל: — טא וואס זינדיגסטו? אט האט מיך פיינער גאר געמאכט צו מופען!....

* * *

„נעווערמיין“

קומט זיך אריין א איד מיט פעטענלעדערנע שיך, גיט זיך א וויש די נאז, און פרעגט צי קאן ער קריגען א שייוו.

— יעס, — ענטפערט אים דער בארבער, — איר וועט אבער מוזען א ביסעלע צוואווארטען.

— טא מוז איך גיין, ווייל איך האב קיין צייט ניט.

— ווארט א קאפיטשקע, איר האט אינגאנצען צוויי הער־קאטס און איין שייוו איבערצוואווארטען.

— טא מאכט עס שנעלער, — שטימט איין דער איד מיט די פעטענלעדערנע שיך.

דער בארבער האט זיך אביסעלע צוגעאיילט. איין הער־קאט האט ער אויסגעלאזט, אים געבעטען אריינקומען אין מיטען דער וואך, און גערופען: — נעקסט!

דא האט זיך דער איד אויפגעהויבען.

— זעצט אייך, — האט אים דער בארבער אנגעצייגט אויף דער ערשטער טשער.

— נעווערמיין אייער טשער. — און טאקע באלד ארויס־געשלעפט א טשער פון אונטער'ן ארעם...

דער בארבער איז געבליבען א ביסעל איבערראשט. נאר פונדעסטוועגען האט ער זיך גענומען צו זיין ווייטערדיגער ארבעט, זוכענדיג א לייזאך אים ארומצובינדען.

— נעווערמיין אייער לייזאך... און באלד האט ער טאקע ארויסגעשלעפט פון זיין הויזען קעשענע א לייזאך און געהייסען דעם בארבער אים ארומבינדען.

דער בארבער האט אים מיט פארוואונדערונג אנגעקוקט און גענומען דעם רייזער אין האנט.

— נעווערמיין אייער רייזער, איך האב מיין אייגענעם... און טאקע באלד ארויסגענומען פון רעקעל קעשענע א רייזער.

דער בארבער האט אים ערשטוינט באטראכט און אים געוואלט נעמען ראזירען.

— נעווערמיין איר וועט מיך שייפען! איך וועל מיך אליין שייפען.

דאָ איז שוין דער בארבער ארויס פון די כלים און אַ נעשריי געטאָן:

— טאָ צו וואָס זייט איר געקומען אהער, מאַכען פון מיר שפּאָס?

— ווער מאַכט שפּאָס? — האָט זיך דער איד מיט די פּעטענלעדערנע שיך פארענטפערט. — גאָר ניט, אַזוי ווי ביי מיר אין הויז פיינט מען און עס איז ניטאָ וואו זיך צו שייפען, בין איך אריינגעקומען צו אייך.

ווען ניט פארגעסען

קאָסטאמער: — מיסטער קעביטש, פאַר היינטיגען סאַפּער וועל איך אייך מוזען שולדיג בלייבען, ווייל איך האָב ביי מיר יעצט ניט קיין געלד.

רעסטאָראַנט-קיפּער: — דאטס-אלרייט.

קאָסטאמער: — וואָס ווען אַ שטייגער זיין אַז איך וועל אייך פארגעסען צו באַצאָהלען פאַר דעם סאַפּער?

רעסטאראנט קיפּער: — דערפאַר האָב איך קיין מורא ניט; איר וועט דאָס אַזוי גיך ניט פארגעסען, דער סאַפּער וועט אייך ליגען אין מאָגען...

* * *

ער האָט אַ פּלאַן

צוקונפטיגע שוויגער: — סעי, מאַקס, דו פארלאַנגסט צופיל פון מיר, דו ווילסט איך זאָל דיר אָוועקגעבען דעם נדן מיט מיין טאָכטער מיט איינמאָל!

מאַקס: — שאַט, איך האָב אַ פּלאַן, גיט מיר יעצט דעם נדן, און די טאָכטער האַלט פאַר אייך ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר...

* * *

ווע̣מען זאָל אַ מיידעל הייראַטען?

אן אדוואָקאט — וועט איר מאַכען א קורצען פּראָצעס.

א דאָקטאר — וועט איר געבען עסען א קריינק.

א פארמער — וועט איר געבען קייען די ערד.

א סאָלדאט — וועט מיט איר מלחמה האלטען.

אן אָשער — וועט איר לאָזען זיצען.

א פיינטער — וועט איר מאַכען ברוין און בלוי.

א בוטשער — וועט איר נעמען דעם לעבער.

א זיינגער־מאַכער — וועט איר „אָנציהען.“

אן אָנדערטייקער — וועט איר לייגען אין דער ערד.

א באַרבער — וועט איר באַהאַנדלען באַרבאַריש.
ביי א בעקער — וועט זי ווערען אַלט־געבאַקען.

א גראָסערי מאַן — וועט אויף איר לייגען צו ווייניג געוויכט.

א בלעכער — וועט איר האַקען א טשייניק.

א וועגעטאַריאַנער — וועט איר געבען קייען שטרוי.

אן אַקטיאָר — וועט איר אָפּשפּילען א טראַגעדיע.

א שוסטער — וועט זי האָבען אין קנאַפּעל.

א רעדאַקטאר — וועט זי פיקסען.

א שניידער — וועט פון איר שניידען.

א זעצער — וועט זי פאַרזעצען.

א בריפּענטרעגער — וועט איר אָנפּייפען.

א טענצער — וועט איר טאַנצען אויפ'ן קאָפּ.

א פאָריער — וועט איר נאַגלען.

———o———

אַ מבין

שבתי: — כ'האָב געהערט אז דו ביזט געווען ביים גרויסען קאָנצערט פון דעם חזן.

בעריש: — שור בין איך געווען, איין קליינינקייט, איך וועל ניט זיין? און ווען עס קאָסט אַ טיקעט פופציג דאָלאר, וואָלט איך, מיינסטו ניט געגאַנגען? ביי מיר אַ חזן צו הערען וואָלט איך אוועק אזש צום נאָרטה פאָל!

שבתי: — נו, ווי איז ער דיר עפּעס געפעלען?

בעריש: — ווער?

שבתי: — דער חזן.

בעריש: — איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, איך ווייס ניט וועלכער עס איז געווען דער חזן. די דיקע פרוי וועלכע האָט געזונגען, צי דער מאַן וועלכער האָט געמאַכט מיט דעם שטעקעלע.

שבתי: — בהמה! דער חזן איז געווען דער, וואָס האָט געזונגען, מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ.

בעריש: — אויב אַזוי, איז ער מיר ניט געפעלען.

שבתי: — פאַרוואָס?

בעריש: — ווייל ווען ער האָט אָפּגעזאָגט „יהי רצון“ איז געוואָרען אַ קלאַפּעריי אזש טויב צו ווערען. איך האָב געפרעגט וואָס מען קלאַפּט אַזוי, האָט מען מיר געזאָגט, אז דער עולם וויל אז ער זאָל דעם „יהי רצון“ נאָך אַמאָל איבערזינגען. (מסתמא איז זיי דער „יהי רצון“ דעם ערשטען מאָל ניט געפעלען געווען) נו, האָט ער דעם „יהי רצון“ נאָך אַמאָל איבערגעזונגען, ערשט דאַן האָט זיך דער עולם בארוהיגט.

———o———

אַ באַריכט פון אַ מיטינג

דער מיטינג פון דער „אינדעפּענדענט ערשטע זאוואָרוכע קראַנקען אונטערשטיצונגס פאראיין" איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען מיט פול פּאוער.

אזוי ווי דער פּרעזידענט, ברודער לאָקשען־שפּייזער, קאָן ניט פיהרען די טשער, עפענט דער ברודער אינערוואָכע דעם מיטינג.

ברודער זויערזאַליץ מאַכט אַ פאָרשלאַג מען זאָל עפענען די פענסטער. אַ גרויסע דעבאַטע איז ענטשטאַנען. פּלוצלונג האָט זיך אויפגעשטעלט ברודער מאַשמעלאַן און געזאָגט: ברידער! וואָס טויג אייך דעבאַטעס, שמאַטעס! און ער האָט געכאַפּט אַ טשער, און „בענג!" אין פענסטער, און אויסגעהאַקט אַלע שויבען. דערמיט האָט זיך די דעבאַטע געשלאָסען.

ברודער ראָזענטהאַל וויל לעקטשורען. שטעלען זיך אויף ברודער גרודע, ברודער בלאָזער און ברודער פּלאָמפּייער און פּראָטעסטירען. זיי זאָגען, אַז צו האַקען אַ טשייניק זיינען זיי ביליכער, ווייל זיי באַלאַנגען צו דער בלעכער יוניאָן.

דער פּראָטעסט ווערט אָנגענומען.

ברודער הינעראויג מאַכט אַ פאָרשלאַג, מען זאָל די ווייבער געבען שטים־רעכט.

ברודער פלאַצער מאַכט אַן אַמענדמענט, אַז מען זאָל די קליינע קינדער אויך געבען שטים־רעכט, ווייל: ערשטענס האָבען די קינדער אַזוי פיעל שכל וויפיעל די ווייבער; צווייטענס, אַז די קינדער וועלען האָבען שטים־רעכט, וועט מען קאָנען ביינאַכט אַביסעלע שלאָפען.

דער פאָרשלאַג מיט דעם אַמענדמענט זיינען צוריקגעוויזען געוואָרען מיט פול פּאוער.

ברודער ריין בעט דעם פּרעזידענט, ער זאָל אַפּאָינטען אַ קאָמיטע צו קומען צו זיין חתונה.

דער פּרעזידענט דערפילט דעם חתנ'ס פאַרלאַנג און אַפּאָינטעד טאַקע דעם חתן אליין אונטער צוויי דאָלאַר שטראָפע. צום וואָהל און בעסטען, האָט אונזער ברודער, דער גרויסער

הומאָריסט, מיסטער שטערענשוס, עפּעס פאַרגעלעזען. נו, נו, האָט דאָס אויסגעבראָכען א געוויין! און ווער ווייסט ביז ווען דאָס געוויין וואָלט אָנגעהאַלטען, ווען צום גליק וואָלט זיך ניט אויפגעשטעלט ברודער ריינשטיין. אזוי האָבען זיך די ברידער אביסעל צולאכט.

אוועק פון מיטינג מיט צושפּאָלטענע קעפּ, זיינען די פאָלגענדע ברידער: ברודער אייזוואסער, ברודער קאַלענבערג, ברודער כאָם און ברודער טאָם.

———o———

קאָרטען

צייט א קורצער צייט האָט עס שיפּע־דזשעק'ן אָנגעהויבען גיין א קאָרט. האָט איינער געהאט א „סטרייט", האָט ער געהאט א „פלאָש"; האָט איינער געהאט א „פלאָש," האָט ער געהאט א „פול־האוז"; איז איינער געשטאנען „פּעטט" מיט א „פול־האוז", האָט ער געקויפט דריי קאָרטען און געהאט „פיר."

קורץ, עס איז ניט געווען קיין קאָרט וואָס שיפּע־דזשעק זאָל ניט זיין פון איר דער יורש. ער פלעגט דעם גאנצען טיש אָפּטרימען, געגעבען „וויגראש" און זיי געשיקט שלאָפען...

געווינענדיג אזוי יעדען טאָג געלד, האָט זיך שיפּע־דזשעק'ן פאַרוואָלט וויסען, וויפיל ער געווינט א מאָנאט, און ניט לאנג געקלערט, האָט ער זיך א ביכעלע געקויפט, פאַרשריבען יעדען טאָג זיין געווינס און געוואַרט ביז די ענדע פון מאָנאט.

ווען ס'איז געקומען ענדע מאָנאט, האָט שיפּע־דזשעק צוזאמענגערעכענט און אויסגעפונען, אז נאָך א מאָנאט געווינען, איז ער נאָר מיט 200 דאָלאר צו שאָרט!

———o———

אַ מת שרייט

גערופען האָט מען אים שבתי דער רויטער. געווען איז שבתי אַ שווארצער, טאָ פארוואָס האָט מען אים גערופען שבתי דער רויטער? גערופען האָט מען אים שבתי דער רויטער דערפאר, ווייל ער האָט געוואהנט ביי דעם רויטען בריק.

איין מאָל, אין אַ ווינטער נאכט, פארגלוסט זיך שבתי'ן צו האָבען אַ ביסעל שפּאַס. האָט ער זיך איינגעהילט אין אַ ווייסען לייליך, ארויפגעגאנגען אויף דער שניידערשער שול, און גענומען שרייען „שמע ישראל!" פילע פארבייגייער האָבען גע'חלש'ט. איינינגע זיינען אוועק צום שטאָדטישען רב פרעגען אַ שאלה, וואָס צו טאָן.

ער האָט אזוי לאַנג געשריען „שמע ישראל" ביז ער האָט אָנגעטראָפען אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט ניט גענומען קיין בלאָפס, וועלכער ווייסט אַז אַ מת קאָן ניט שרייען.

— העי, דו, מת, אויב דו ביזט אַ מת, טאָ הער אויף שרייען „שמע ישראל," אויב ניט, וועל איך דיך מאכען פאר אַ קאַליקע! — און ארויסרעדענדיג דאָס, האָט ער זיך ארויפגעלאָזט אויף דער שניידערשער שול און געמאכט שבתי דעם רויטען פאר אַ טויטען...

* * *

אַ ראַפּעל

מען האָט געראַפּעלט אַ פאַנטען פען, יעדער איינער פון שאָפּ האָט אַ טיקעט גענומען. איך האָב אויך ניט פארפעלט. איך האָב אָבער געוואוסט אַז איך בין „הארד־לאָק," איך געווין קיינמאָל ניט; איז מיר איינגעפאַלען אַ פּלאַן: פּרוואווען מיין טיקעט מיט אַן אַנדערענ'ס איבערבייטען. ניט לאַנג געקלערט און באלד האָב איך געהאַט דעם אונטער־פרעסער'ס טיקעט, און ער — מיינעם.

נאָט האָט געהאָלפען, מען ציהט ארויס דעם נומער און דער אונטער־פרעסער געווינט, דאָס הייסט, געוואונען האָב איך, נאָר אזוי ווי ער האָט געהאַט מיין טיקעט, האָט מען אים געגעבען די פאַנטען פען...

מיין אייגענע שולד

בין איך געקומען שפּעט אהיים. איך קלאַפּ אין טיר.

— וואו ביסטו געווען אַזוי שפּעט? — פרעגט מיך מיין ערגערע העלפט.

— ביי אַ מיטינג.

— וויפיל מאָל האָב איך דיר שוין פאַרזאָגט ניט צו גיין צו קיין מיטינגס?

— דער מיטינג איז געווען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע מיטינגס. אויף דעם מיטינג האָבען מיר, מענער, באַשלאָסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איר, פרויען, זאָלט קריגען שטים־רעכט.

— ווער האָט דיר געבעטען, און ווער האָט זיך מיר דיר געשאַפט?

— איך קאָן ניט זעהן ווי דו ביזט ביי מיר פאַרשקלאַפט. איך וויל דו זאָלסט זיין פריי...

דערפאַר האָט מיך מיין פרוי אַרויסגעטריבען פון הויז...

פון 1 ביז — 10

1זאַם, עלענד און פאַר2פעלט, וואָס זיין יונג ווייבעל האָט אים אַ קאָפּ פאַר3ט, און אַריינגענומען איר מוטער אין הויז, האָט שבתי מיט איר אַ געשלעג פאַר4ט, פון וועלכען מען האָט איר געמוזט מאַכען 5 סטיטשעס.

מען האָט אים דערפאַר אַרעסטירט און דער דזשאַדזש האָט אים געגעבען 6 מאָנאַטען. אין דער צייט וואָס ער איז געזעסען, איז זיין פרוי געלעגען געוואָרען מיט אַ 7'עלע. דערהערענדיג פון דעם, האָט ער זיין פרוי שטאַרק פאַר8עט. אויף דער פראַגע צי ער וועט נאָך מיט איר וואהנען, האָט ער ענטשידען געענטפערט 9, און פאַרזאָגט אַ 10טען ניט חתונה צו האָבען מיט מיידלאַך וועלכע האָבען נאָך מאַמעס.

דאָס וואונדער קינד

(מיין שרה'לען געווידמעט.)

די הויפּט אָרקעסטראַ צום גרויסען קאָנצערט איז געווען מיין צוויי יאָריגע שרה'לע.

יעדער לאַנדסמאַן האָט געוואָרט מיט אומגעדולד צו הערען שרה'לען דעקלאַמירען דאָס ארבעטער ליד: „דער ארבעטער און די שפּינע."

ענדליך האָט דער טשערמאַן פאָרגעשטעלט מיין שרה'לען.

א הילכיגער אפּלאָוז האָט אין דעם האָל אויסגעבראָכען. און ווען עס איז אביסעלע שטילער געוואָרען, בין איך צוגע־גאַנגען צו דעם וואונדער קינד און אים באַפוילען צו דעק־לאַמירען. האָט זיך דאָס קינד א וואָרף געטאָן אויפ'ן פלאָר און אויסגעשאָסען א געוויין... צוזעהענדיג דאָס, בין איך שיער א טויטער געבליבען. איך האָב דאָס קינד געבעטען מיט גוטען, מיט בייזען; האָב אים צוגעזאָגט פארשידענע זאכען, אָבער אָהן ערפאָלג.

מיט א ווייטיק אין הארצען האָב איך דאָס קינד גענומען אויף מיינע פּלייצעס, פארלאָזט דעם קאָנצערט ווי א פאַר־ברעכער. אהיים געקומען, האָב איך אָנגעפּאַטשט דאָס „וואונדער קינד" און עס געלייגט שלאָפען. צוויי אזייגער ביי נאַכט, ווען דאָס הויז איז געווען אין א טיפען שלאָף, האָט זיך מיין שרה'לע אויפגעשטעלט און דעקלאַמירט זעהר מיעד און פארשמאַכט.

———o———

זי ווייסט

סילוויע: — זאָג נאָר, ליליע, וואָס איז דער אונטערשיעד פון א באָטעל גרייד „איי" מילך ביז א באָטעל גרייד „בי"?

ליליע: — דער אונטערשיעד איז צוויי סענט...

* * *

טאַקע פאַר וואָס?

סעם: — סעי טשאַרלי, דו ביזט דאָך עפּעס א קלוגער, טאָ זאָג מיר, פאַרוואָס באַהאַלטען זיך די פיש אין וואַסער ווען עס גייט א רעגען?

טשאַרלי: — טאַקע פאַרוואָס?

סעם: — כדי זיי זאָלען ניט נאַס ווערען...

* * *

וואָס איר ליגט אין זינען

מאַן: — מען האָט מיך היינט באַקאַנט געמאַכט מיט שלום אש׳ן.

פרוי: — ווער איז ער?

מאַן: — שלום אַש איז באַרימט געוואָרען דורך זיין „שטעדטעל“, עס איז שוין איינמאָל א „שטעדטעל!“

פרוי: — טאַקע? ווי איז דאָרטען מיט רומס?

* * *

ער לאַכט פון דער שלאָפענדער קרייענק

בעריש: — וואָס זאָגסטו עפּעס צו דער נייער קראַנק־הייט? מען לייגט זיך שלאָפען און מען שלאָפט אזוי אָפּ א פּאָר וואָכען.

שבתי: — אי שוד וואָררי! איך לאַך זיך אויס פון דער שלאָפענדיגער קראַנקהייט.

בעריש: — אי שבתי, מען טאָר ניט לאַכען! מען קאָן ניט וויסען, דו קאָנסט זיך לייגען שלאָפען און אזוי אָפּשלאָפען...

שבתי: — גיי דו נאַר, ווער שלאָפט דען? מיינע פינף בנים לאָזען דען שלאָפען? זיי לאָזען מיך דען אַן אויג צו־מאַכען? סעמי שלעפּט די קאָלדרע אהער; נייטען — אהין; רזשעק שטופּט זיינע לאַנגע פיס מיר אין פּנים אריין; טשאַרלי לייגט זיך ביי מיר אויפ׳ן האַרץ; כאַנינע כראָפּעט ווי א לופט־באַלאָן! נו, פרעג איך דיך, דאַרף איך זיך שרעקען?!...

* * *

זיין אייגענע ווהייט האַוז

שבתי: — אז איך בין ביי זיך אין הויז ווייזט זיך מיר אויס אז איך זיץ מיר אין ווהייט האוז אין וואשינגטאן.

בעריש: — פאַרוואָס?

שבתי: — מיין שוויגער איז אַ רעגעלע קריגס מיניסטער; מיינע דריי טעכטער: עני, פעני און דזשעני, זיינען די קאָנגרעס־לייט, ברייננען אריין יעדען טאָג בילס (פאַר העטס, דרעסעס, קאָרסעטס, א. ז. וו.); מיין זון איז מיניסטער פון האַנדעל און ארבעט. (ניט ער האנדעלט און ניט ער ארבעט.)

בעריש: — און דו און דיין ווייב וואָס זיינען?

שבתי: — מיר זיינען דאָס פאָלק, וואָס מוזען ארבעטען, שווייגען און צאָלען...

* * *

א נייע קראַנקהייט

מיסעס פארפעל: — וואָס איז דער מער וואָס אייער מאַן ליגט אין בעט, איז ער קראַנק?

מיסעס קראַכמאַל: — חלילה, זיין באָס האָט אים אָפּ־געלייגט...

* * *

אַ קריטיק

מיסס קעלער: — סעי, שניידער, איך האָב דאָך אייך געבעטען איר זאָלט מיר מאַכען דעם בייטהינג סוט טייט־פיטינג, און צום סוף איז ער אזוי ברייט, אז מען קאָן ארומ־שווימען אין אים!...

* * *

ווי מ׳וועדט אַ וויצלינג

סעם: — סעי טשאַרלי, ווי אַזוי ווערט מען עפּעס אַ באַרימטער הומאָריסט?

טשאַרלי: — גאַנץ איינפאַך, צוערשט קלייב אויס אַן אַלטען וויץ, וואָס יעדער האָט שוין פאַרגעסען, שיק אים אַוועק אין אַ צייטונג. אויף מאָרגען וועסטו קריגען פאַר דעם וויץ אַ דאָלאַר, דאַן נעם דעם דאָלאַר און קויף דיר אַן אַלטען וויצען־בוך, און קלייב פון דאָרטען אויס צען אַלטע וויצען, וואָס יעדער האָט שוין לאַנג פאַרגעסען, שיק צו די צען וויצען אין דער צייטונג, וועסטו קריגען צען דאָלאַר. דאַן נעם די צען דאָלאַר און געה אַוועק אין אַן אַלטען בוך־סטאָר און קויף אַלטע הומאָריסטישע זשורנאַלען: פראַנצויזישע, ענגלישע, אַמעריקאַנישע, און קלייב אויס פון דאָרטען אַלטע וויצען, סצענקעס, הומאָרעסקעס, וואָס מען האָט שוין לאַנג געלעזען און פאַרגעסען; שיק זיי אַוועק אין צייטונג און דו ביסט געזיכערט אויף דיין גאַנצען לעבען מיט ערפאָלג...

* * *

שלעכטע צייטען

זי האָט איר פיר־יאָריגען חיים שלומ׳ען איינגעטרייט יעדען פריה־מאָרגען, פאַר ברעקפעסט, אַ לעפעלע קעסטאָר־איל צו נעמען. דערפאַר פלעגט ער קריגען פינף סענט.

איינמאָל, אין אַ זונטאָג, האָט זיך דער קליינער חיים שלומ׳על צוגעכאַפּט צו דעם פלעשעל קעסטאָר אָיל און עס אין גאַנצען אויסגעטרונקען.

ווען די מוטער האָט דאָס דערזעהן, האָט זי אָנגעהויבען אויף אים צו שרייען. האָט זיך חיים שלומ׳על פאַרענטפערט, אַז ס׳איז איצט שלעכטע צייטען, מיט אַ ניקעל קאָן ער גאָרניט אויפטאָן, האָט ער דערפאַר אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע פלעשעל קעסטאָר אָיל, כדי זי זאָל אים געבען אַ גאַנצען קוואָדער....

* * *

געה וויים!

צוויי מאָל איז חנינה דער ני־פּענטס קאָנטראַקטאָר צוריק־געוויזען געוואָרען פון זיינע סיטיזען פּייפּערס, אורזאַכע? ער האָט ניט פאַרשטאַנען די אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע.

נו, האָבען אים פריינד געראַטען ער זאָל זיך קויפען א אידישען ביכעל וואָס איז איבערזעצט פון ענגליש, מיט פראַגען און אַנטוואָרטען וואָס מען דאַרף וויסען ביים ווערען א סיטיזען.

ער איז אַוועק אין ריווינגטאָן סטריט צו א אידישען פאַרלעגער, געקויפט די קאָנסטיטוציע, איבערזעצט אין אידיש פון פינעלע לאַכטשיון.

נאָך א פּאָר וואָכען חזר'ענדיג די אמעריקאַנער קאָנסטי־טוציע, איז ער אַוועק אין קאָורט נאָך זיינע סיטיזען פּייפּערס.

— האָט איר געלעזען די אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע? — האָט אים דער דזשאַדזש א פרעג געטאָן.

— יעס, סער, איך האָב געלעזען.

ווער האָט פאַרפאַסט די קאָנסטיטוציע?

— פינעלע לאַכטשוין פון ריווינגטאָן סטריט.

דער דזשאַדזש האָט אים צום דריטען מאָל צוריקגעוויזען.

* * *

א לא יוצלח

צו וואָס איך האָב זיך נאָר גענומען, אזוי איז מיט מיר מיטגעגאַנגען דער שלים־מזל. אנומעלט מאַך איך אן אפּלי־קיישאָן פאַר א מאָטאָרמאַן דזשאָב, איך האָב דעם דזשאָב געקראָגען און זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. דעם ערשטען טאָג, איך נעם פירען די קאַר, ווּעמען זעה איך? דאָס שלים־מזל! שלים־מזל, — פרעג איך אים — מיט טרערען אין מיינע אויגען — וואָס טוסטו דאָ?

— וועלל, — ענטפערט ער מיר — פריער בין איך מיט דיר מיטגעגאַנגען, איצט וויל איך מיט דיר מיטפאָרען...

* * *

מיין לענדלארד

אי, האב איך היינט געהאט פּלעזשור פון מיין ווייב! דעם פּלעזשור איז ניט צו באצאָלען.

איר הערט, עס קומט צו מיר ארויף מיינע א טענערקע פון טאָפּ פלאָר און שטעלט זיך ווייגען פאר מיין ווייב:— איר מאן ליגט אויף ניומאָניא, איר אלטע מוטער אויף אינ־פלוענציא, אירע צוויי קינדער מאָזלען, און ביי איר אין די רומס איז שרעקליך קאלט. דער אויווען איז צובראָכען; צוויי שויבען אויסגעקלאפּט, און בעט מען זאָל עס פאר איר פיקסען.

נו, וואס זשע מיינט איר האָט מיין ווייב געטאָן? זי האָט אָנגענומען די טענערקע ביים קאָפּ און זי ארונטערגעוואָרפען פון אלע שטיגען!...

* * *

קיינמאָל מער!

איך בין געגאנגען א האלבען גאלאן שנאפּס קויפען, האָב איך געבעטען געבען מיר פארזוכען. מען האָט מיר געגעבען: דער איז צו שטארק; דער איז צו זיס; דער איז ניט פאר מיר; דער איז פאר ווייבער. הקיצור, איך האָב שוין קיין שנאפּס ניט געקויפט.

אהיים געפירט האָט מען מיך אין א טעקסי....

* * *

א פאראיין ברודער

טשערמאַן און ברידער: אזוי ווי איר אלע ווייסט, בין איך געווען ביז איצט אויף גרויסע, געהאקטע צרות. א דאנק דער שרעקליכער מלחמה האָב איך מיך שיין ארויפגעארבעט, און דערפאר, מיינע ברידער, מאַך איך א פאָרשלאָג, אז די קווארטאל־דיוס זאָל פון היינט אָן געררייזט ווערען פון פיער דאָלאר אויף פינף. איך דאנקע...

* * *

ערשט נעכטען פאַרהייראַטה

ערשט נעכטען פאַרהייראַטה. ווייסט עס דער שוואַרץ יאָר, איידער איך האָב מיט מיין זיווג חתונה געהאַט, איז זי געווען אַ מלאך, ניט געקאָנט אַ הויך וואָרט אַרויסריידען, מיט אַלעמען געווען צופרידען, ניט געווען קיין גרויסע עסערקע, קיין גרויסע ספענדערקע. אָבער איצט? איי, לאָזט מיך געמאַך! טשעפּעט זיך אָפּ פון מיר; שיט מיר ניט קיין זאַלץ אויף די וואונדען...

* * *

אַ רעגענבויגען

גרינע לאָזט מען ניט אַריין,
רויטע שיקט מען אַרויס.
שוואַרצע לינטשט מען,
ווייסע ווערען פאַרשוואַרצט.
געל איז אונזער פּרעסע,
בלוי ווערען אונזערע זונטאַגס.
גרוי זיינען די „יונגע,“
און טונקעל זיינען אונזערע טעג.

* * *

אויף דער פאַרם

ליליע: — מיסעס לעפּעל, די מאַמע האָט געבעטען, איר זאָלט איר לייען 25 אייער.

מרס. לעפּעל: — צו וואָס באַדאַרף דיין מאַמע 25 אייער?

ליליע: — זי וויל די אייער אונטערלייגען אונטער אַ טשיקען, עס זאָס אַרויסקומען 25 טשיקענדלעך.

מרס. לעפּעל: — אָבער דיין מאַמע האָט דאָך גאָר ניט קיין טשיקען?

ליליע: — פאַר דעם זאָלט איר זיך ניט זאָרגען, ווייל די טשיקען וועט מיין מאַמע לייען ביי דער מיסעס פּיעטרישקע.

* * *

א רחמנות אויף דער קאַץ

ביילע (צו איר שכנה): — די קאַץ האָט ביי מיר אויפ־געגעסען דעם גאַנצען בראַטען וואָס איך האָב געמאַכט פאַר מיין מאַן אויף סאַפּער.

שכנה: — אָרימע קאַץ! זי וועט נעבעך פּגר'ען...

* * *

צווישען לאַנדסלייט

שבתי: — העללאָ בעריש, וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס מאַכען דיינע מיידלאַך?

בעריש: — ניט צו פאַרזינדיגען: מיין עלטסטע טאָכטער איז שוין אַן אלמנה; די צווייטע — א גרושה; די דריטע — פאַרהייראַט; די פערטע — פאַרלאָבט און די פינפטע גייט שוין אוים מיט א באָי...

* * *

טאַקע

פעדלער: — קויפט א גאַלאָן שנאַפּס, שנאַפּס איז זעהר גוט אין ביזנעס.

באָס: — וואָס טויג מיר שנאַפּס אין ביזנעס?

פעדלער: — וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? ווען אייער ביזנעס גיין שלעכט, טרינקט מען א ביסעל שנאַפּס, דאָס פאַר־טרייבט די צרות; ווען אייער ביזנעס גיין גוט, מעג מען דאָך אוראי א ביסעל שנאַפּס טרינקען!...

* * *

א געטרייע שוויגער

פרוי (צו איר מאַן): — א שלאַק זאָל דיך טרעפען!

שוויגער: — איין שלאַק? וואָס קאָן דיין מאַן איצט טאָן מיט איין שלאַק אין אַזא יקרות?

* * *

א קלוגער פרעזידענט

ברודער: — מיסטער פרעזידענט, צו וואס באדארפען מיר עפעס האבען צוויי דאקטוירים? מיר האבען דאך אין גאנצען 4 מעמבערס!

פרעזידענט — דאס האט גאר ניט צו דער זאך, מיר האבען דאך צוויי סעמעטערים, דערפאר מוזען מיר האבען צוויי דאקטוירים....

* * *

א זעלבסטמערדער

איידעם: — שוויגער, אויב איר מופט ניט ארויס פון מיר, אזוי וועל איך באגיין זעלבסמארד!

שוויגער: — גיי שוין ניי! דו וועסט דאס ניט טאן, איך קאן דיך!

איידעם — איך זאל אזוי לעבען ווי איך וועל דאס טאן!

* * *

ער וויל נאך אן עלטערע

פאטער (צו א יונגען מאן): — איך האב געהערט זאגען אז איר ווילט חתונה האבען מיט איינער פון מיינע טעכטער. אלזא, דער איינגסטער גיב איך 500 דאלאר נדן; דער עלטערער — 1000 דאלאר און דער עלטסטער — 1,500 דאלאר נדן.

יונגער מאן: — מר. בעראבאן, אפשר האט איר נאך אן עלטערע?

* * *

אויף דעם הייליגען ארט

איידעם (צו דער חברה קדישא): — וואס נעמט אייך אזוי לאנג צו באגראבען מיין שווינער?

חברה קדישא מאן: — מיר דארפען איר ארויפלייגען שערבלאך אויף די אויגען און מיר האבען נים.

איידעם (בייז): — לייגט איר אדויף צינעל, לייגט איר ארויף שטיינער, העלצער, אלטע שיך, מיין נייעם קאפעלוש, אבי באגראבט זי שוין!

יזכור

אַ פּאַטער האָט מיטגענומען זיין אינגעל אין שול. די שול איז פריהער געווען אַ מואווינג פּיקטשור פּלאַץ.

ווען עס איז געקומען צו יזכור, האָט דער פּאַטער געהייסען זיין אינגעל ארויסגיין.

— פאַרוואָס זאָל איך ארויסגיין? — האָט דער אינגעל געפרעגט.

— ווייל מען גייט זאָגען יזכור.

— צאָלרייט פּאַפּאַ! האָט זיך דער אינגעל אָפּגערופען — איך האָב שוין אין די מואוויס געזעהן ערגערע פּיקטשורס ווי יזכור! איך האָב שוין געזעהן די „וואָר ברײדס"; „דעמעדזש גודס" און „פּאַסקארעלא"...

* * *

געגען זיין פּרינציפּ

קאַסטאָמער: — אין דעם זופּ ליגען צוויי פליגען.

ווייטער: — איך ווייס.

קאַסטאָמער: — טאָ פאַרוואָס האָט איר זיי ניט ארויס־גענומען?

ווייטער: — ביקאָס, אָט די צוויי פליגען זיינען צווישען זיך שטערבליך פאַרליבט, און צושיידען אַ ליבענדעס פּאָרעל, איז געגען מיין פּרינציפּ.

* * *

ער קלערט

שוויגער (צום איידעם): — זעה נאַר, זעה, דיינע האָר פון קאָפּ קריכען דאָך אויס!

איידעם: — דאָס קומט מיר פון צופיל קלערען.

שוויגער: — וואָס קלערסטו אזוינס, פּראָפעסאָר מיינער?

איידעם: — איך קלער, ווי איך קאָן פּטור ווערען פון אייך.

* * *

A 1843

אַ קונצען מאַכער

טענענט (צום לענדלאָרד): — איר ווייסט, איך האַלט פאַרמאַכט מיינע אויגען און גיי אַרויף אויף דעם טאָפּ פלאָר ביז אין מיינע רומקעס. איך האָב נאָך קיינמאָל קיין מיסטייק געמאַכט.

לענדלאָרד: — טאַקע? ווי אַזוי טוט איר דאָס? איר מאַכט אייך אַ סימן?

טענאַנט: — וואָס פאַר אַ סימן? איך גיי אויף די טרעפּ און אַז איך פיהל אַז אַלע מיינע כחות האָבען זיך שוין ביי מיר אויסגענומען, ווייס איך אַז איך בין אויפ'ן טאָפּ פלאָר.

* * *

דער באָס פון הויז

פאָטער (צו זיין מיידעלע): — סעי, ליליע, ווער איז דאָרטען ביי דער טיר?

קינד: — אַ מאַן.

פאָטער: — וואָס פאַרלאַנגט ער?

קינד: — ער וויל זעהן דעם באָס פון הויז.

פאָטער (צו זיין שוויגער): — שווינער, גיים, מען וויל אייך זעהן...

* * *

אין קאָורט

דזשאַדזש: — מיסטער לאָקש, וואָס איז אייער פאַרלאַנג?

לאָקש: — יור האָנאָר, איך וויל איר זאָלט מיר ערלויבען צו איבערבייטען מיין נאָמען.

דזשאַדזש: — וואָס איז די אורזאַכע?

לאָקש: — פאַרשטייט איר מיך, מיין ווייב גלייכט נים מיין נאָמען.

דזשאַדזש: — טאָ בייט בעסער איבער אייער ווייב.

* * *

א פעטענט

סעם: — זאג יאר טשארלי, וויפיעל רענט צאלסטו פאר דיינע רומס?

טשארלי: — גאר נישט.

סעם: — וואס הייסט גאר נישט?

טשארלי: — ווען דער לענדלארד קומט נאך רענט, הויבט מיין ווייב אן צו זינגען; איך הויב אן צו דעקלאמירען; מיינע שוועסטער שפיעלען די פיאנא; מיין שוועגער שפיעלט פאנאגראף; מיין שווינער געהט א האפקע און מיינע קינדער בעטען ביי אים פענים. איז דאנקט ער גאט אז ער אנטלויפט א לעבעדיגער!

* * *

אויף די זעלבע באדינגונגען

בארדער: — זאגט נאר מיסעס, וויפיעל האט אייך יענער בארדער געצאלט?

מיסעס: — יענער בארדער האט מיר געדארפט צאלען 10 דאלאר א מאנאט. ער האט אפגעוואהנט 4 מאנאטען און האט מיר גאר ניט געצאלט, האב איך אים ארויסגעווארפען.

בארדער: — אלל־רייט.

מיסעס: — וואס אלל־רייט?

בארדער: — איך מוף אריין אויף די זעלבע באדינגונגען.

* * *

ווער צו לאנג דויערען

שאשע: — עס איז זעהר ניט אנשטענדיג פון אייך, וואס איר האלט אייערע קינדער אין הויז ווען איר שלאגט זיך מיט אייער מאן. טוט אזוי ווי איך טוה, מען שיקט ארויס די קינדער אין גאס בין נאכ'ן געשלעג.

דוואשע: — איי לאזט מיך צו רוה, איך קאן דאך ניט האלטען מיינע קינדער גאנצע טעג און נעכט אין גאס!

* * *

ער איז גערעכט

מיסעס (צו איר נייעם באָרדער): — וואָס איז דער מער וואָס איר לאָזט ביי אייך אין בעדרום די גאַנצע נאַכט ברענען די געז?

באָרדער: — איך וויל זעהן ווי צו שלאָפען...

* * *

אַ גוטער איינפאַל

דזשאָדזש (צו אַ וויטנעס, אַן אַלטע מויד): — זאָגט, ווי אַלט זייט איר?

אַלטע מויד: — (שווייגט.)

דזשאָדזש: — זאָגט ווי אַלט איר זייט, אויב ניט, וועל איך הייסען די דזשורי, זיי זאָלען אייך אפשאַצען, וועט איר ערגער מאַכען!

* * *

צו אַ לויה

לילי: — פּאַפּאַ, וואָס וויינען די מענער?

פּאַטער: — ביי איינעם איז זיין פרוי געשטאָרבען, נו, וויינט ער.

לילי: — נו, און וואָס וויינען די איבעריגע?

פּאַטער: — די איבעריגע וויינען דערפאַר וואָס זייערע פרויען לעבען נאָך.

* * *

ניט געפעהרליך

בערל: — שמערל, איך האָב געהערט אז דיין שוויגער איז געפעהרליך קראַנק, איז דאָס אמת?

שמערל: — קראַנק איז זי, אָבער ניט געפעהרליך. געפעהרליך איז זי נאָר ווען זי איז געזונד....

* * *

אידיש ערצייגען

א פארמער איז מיט זיין זון אין שול געווען. בשעת'ן דאוונען איז דער פארמער אנטשלאפען געווארען. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט דער חזן געזאגט אתה הראתה לדעת, בעת מען עפענט דעם ארון קודש.

— וואו האלט מען איצט? — האט ער א פרעג געטאן זיין זון.

— מען האט נאר וואס געעפענט די טויערען — האט אים זיין זון געלאזט וויסען.

— טא וואס שטייסטו! פארוואס טרייבסטו ניט אריין די טשיקענס?...

* * *

ביי דער ווייב אין די הענט

מאן (צו זיין פרוי): — דו ווייסט, טריינע, מארגען איז מיין געבורסט־טאג, איך ווער מארגען 40 יאר אלט.

פרוי: — טא וואס פאר א פרעזענט ווענסטו מיר קויפען?

מאן: — עס איז דאך מיין געבורטס־טאג, פאר וואס קומט דיר א פרעזענט?

פרוי: — דערפאר וואס איך האב דיך געלאזט לעבען אזוי לאנג...

* * *

ער וועט שוין מער ניט שפילען

בערל: — דאס שפילען פון דעם פידעל שפּילער איז דאך דיר ניט געפעלען, טא פארוואס האסטו נאך דעם שפילען אים געדריקט זיין האנט?

שמערל: — גלויב מיר, אז פון מיין דריקען אים די האנט וועט ער שוין מער ניט קאנען שפילען. זיין האנט איז שוין צוקאליעטשעט...

* * *

ער גייט אויך

א טעאטער מענעדזשער האט פארגעשטעלט פאר'ן פובליקום א נייעם סטאר. ווען דער סטאר האט אנגעהויבען שפילען, האבען זיך דריי פערטעל פון פובליקום געלאזט צום טיר.

דער טעאטער מענעדזשער וואס האט דאס באמערקט, איז ארויף אויפ'ן סטיידזש און אויסגערופען: ווערטעס פובליקום, וואוהין גייט איר?

— אהיים! — האט דאס פובליקום געענטפערט.

— טא ווארט־זשע אויס א ביסעל — האט דער מענעדזשער אויסגערופען, — דער נייער סטאר גייט אויך מיט אייך. איך שיק אים אויך אהיים...

* * *

זיין אייגענע שולד

דזשאדזש: — מערקווירדיג, איר קומט מיר פאר זעהר באקאנט.

אנגעקלאגטער (מיט פרייד): — יאר האנאר, איר האט שון פארגעסען? איך האב דאך לעצטען יאר אייער פרוי געראטעוועט אין ראקאוויי ביטש פון דערטרונקען ווערען!

דזשאדזש (מיט כעס): — אזוי, דו ביזט דאס געווען? אויב אזוי גיב איך דיר 20 יאר שווערע ארבעט אין סינג־סינג.

* * *

געגאנגען אין סקול

דזשאדזש (ביים ארויסגעבען סיטיזען־פייפערס): — זייט איר אמאהל געגאנגען אין א סקול?

אפליקאנט: — יעסער.

דזשאדזש: — אין נייט־סקול?

אפליקאנט: — וואס פאר א נייט־סקול? איך בין געגאנגען אין דענסינג סקול.

* * *

שלעכט פאַרשטאַנען

גראָסערי מאַן: — מר. מאַשמעלאַן, דאָס ביכעלע אויף וועלכען אייער פרוי באָרגט איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, פול... עס איז שוין ניטאָ וואו צו שרייבען... פאַרשטייט איר?...

מאַשמעלאַן: — טאָ וואָס זאָגט איר ניט? נאַט אייך אַ פעני און קויפט אייך אַ נייעם ביכעלע. וואָס שווייגט איר, וואָס?...

* * *

אַ קאַרגער טאַטע

ליליע: — וואָס איז דער מער וואָס אונזער פאַפאַ טראָגט זיינע אויגען-גלעזער אויף דעם שטערען אנשטאַט אויף זיינע אויגען?

סילוויע: — דאָס איז דערפאַר וואָס ער וויל זיי ניט אָפּיוזען.

* * *

ענדזשאָי יורסעלף

קריסט: — העללאו אייבערהעם, וואוהין גייסטו היינט אַזוי פריה?

איד: — היינט איז ביי אונז יום כפור, גיי איך מיר אין שול אַ ביסעל אויסוויינען אַ גוט יאָר.

קריסט — דעטס נייס! ענדזשאָי יורסעלף!

* * *

אַ געטרייער טאַטע

יונגערמאַן: — מר. מאַשמעלאַן, איך בין געקומען בעטען די האַנט פון אייער טאָכטער.

פאָטער: — די האַנט אליין קאָן איך אייך ניט געבען, איר מוזט זי נעמען אין גאַנצען ווי זי שטייט און גייט.

* * *

ער גיט „טיפּס“

סעם: — זאָג נאָר טשאַרלי, וואָס טראָגסטו עפּעס ארום געז־טיפּס! ביזט אַן אינספּעקטאר ביי דער געז קאָמפּאַני?

טשארלי: — ווייס איך וואָס!

סעם: — טאָ צו וואָס דארפסטו געז־טיפּס?

טשארלי: — פארשטעהסטו מיך, איך בין אַ ספּאָרט, וואו איך געה, גלייך איך צו געבען טיפּס. איז אנשטאט צו געבען געלד־טיפּס, גיב איך געז־טיפּס!

* * *

אַ געטרייער מאַן

סעם: — זאָג נאָר טשאַרלי, וואָס איז די אורזאַכע וואָס אימער האָסטו דאָך דיין ווייבעל געהאַסט, און צייט די לעצטע פּאָר טעג האָלסטו זי אין איין קושען?

טשארלי: — וואָס פארשטייסטו ניט! איך האָב אַ שטאַר־קען קאָלד אין מיין נאָז, וויל איך דאָס איבערגעבען צו מיין אידענע!...

* * *

אַ רול איז אַ רול

הויזקיפּער (צו איינעם וואָס זוכט רומס): — האָט איר עפּעס קינדער?

מאַן: — יאָ, איך האָב 6 קינדער, זאָלען לעבען און געזונד זיין.

הויזקיפּער: — דאַן קאָנט איר די רומס ניט קריגען.

מאַן: — אָבער מיינע קינדער זיינען דאָך אַלע פאר־הייראַטה און זיי וואהנען גאָר אין טשיקאַגאָ!

הויזקיפּער: — איך קאָן זיך ניט העלפען, מיין לענדלאָרד האָטמ יר שטריינג פארבאָטען ארייגצולאָזען טענענטס וואָס האָבען אַ סך קינדער.

* * *

עס איז אָבער ווערטה

גט'ן זיך קאָסט צוואַנציג מאָל טייערער ווי חתונה האָבען — עס איז אָבער ווערטה!

אום צו קריגען אַ דאָלאַר אַ רייז, סטרייקט דער ארבעטער און פאַרלירט דערביי וואָכען וויידזשעס — עס איז אָבער ווערטה!

פאַר אָנברעכען אַ שלעכטער שוויגער די ביינער קריגט מען זעקס מאָנאַטען פּריזאָן — עס איז אָבער ווערטה!

צו שיקען די ווייב אין דער קאָנטרי קאָסט אַ פאַרמעגען — עס איז אָבער ווערטה!

* * *

אַ קריטיקער

משה מאשמאלאן (ביי דער קאַסע): — גיט מיר מיין געלד צוריק, שווינדלערס וואָס איר זייט!

קעשיר: — וואָס איז דער מער?

מאשמעלאַן: — דער מער איז נאָס! איר האָט אַדווער־טייזט אַז מען וועט היינט שפּילען „אויף די בערג“!

קעשיר: — האָט מען דאָך געשפּילט „אויף די בערג“!

מאשמעלאַן: — דערציילט דאָס אייער באָבען! אויף די בערג האָבען זיי געשפּילט? אויף די גלייכע ווענט זיינען זיי דאָך געקראָכען!

* * *

גוטע עסענס

בערל: — זאָג נאָר שמערל, פאַר וואָס אז דו עסט אין אַ רעסטאָראַן, זעצסטו זיך אימערצו ביי דעם גרויסען פענסטער?

שמערל: — וואָס פאַרשטעהסטו ניט? דאָרט קריגט מען גרעסערע חלקים, ווייל דאָס איז אַ מין אדווערטייזמענט פאַר די פאַרבייגעהער.

* * *

אַ גוטער תירוץ

ריכטער: — פאַרוואָס האָט איר צושפּאָלטען אייער מאַן דעם קאָפּ?

פרוי: — דערפאַר וואָס ער איז געקומען צוויי אזייגער ביינאַכט פון אַ מיטינג.

ריכטער: — נו, האָט איר ניט געקאָנט אָנשרייען אויף אים דערפאַר, ניט צושפּאָלטען אים דעם קאָפּ?

פרוי: — איך האָב ניט געקאָנט.

ריכטער: — פאַרוואָס?

פרוי: — ווייל איך בין געווען שטאַרק הייזעריק.

* * *

מבינות אויף אַ חזן

שבתי: — ביזט געווען ביים קאָנצערט פון דעם נייעם חזן?

בעריש: — געווען.

שבתי: — נו, וואָס הערט זיך, ווי איז זיין אויבערלאַגע, זיין אונטערלאַגע?

בעריש: —איך בין ניט קיין מבין אויף אויבערלאַגעס און אונטערלאַגעס. איין לאַגע האָט ער אָבער זיכער געהאַט — אַ נידערלאַגע...

* * *

אַ מערקווירדיגער קונץ

בערל: — האָסט געהערט אַז אונזער לאַנדסמאַן לאַקש האָט זיך געוועט, אַז ער וועט ניט עסען 40 טעג און ניט שלאָפען 40 נעכט, און ער האָט דעם וועט טאַקע געוואונען!

שמערל: — ווי אזוי האָט ער דאָס געקאָנט אויספירען?

בערל: — גאַנץ איינפאַך: ער האָט געגעסען ביינאַכט און געשלאָפען ביי טאָג...

* * *

א ברויט טראַסט

ליליע (צום גראָסערי מאַן): — די מאַמע האָט געפרעגט, אויב עס איז אמת וואָס די צייטונגען שרייבען, אז עס האָט זיך געגרינדעט א ברויט־טראַסט?

גראָסערי מאַן: — אמת, אמת!

ליליע: — אויב אזוי, טאָ זייט אזוי גוט און גיט מיר א ברויט אויף טראַסט...

* * *

א פראַגע צום פּרעזידענט

ברודער היצקאָפּ: — מיסטער פּרעזידענט, וואָס לאָזט איר מיר ניט ריידען, האָב איך דען ניט דעם פלאָר? איר האָט דאָך מיר אליין געגעבען דעם פלאָר!

פּרעזידענט: — יעס, איך האָב אייך געגעבען דעם פלאָר, אבער וואָס קומט דערפון ארויס אז איר דראפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט!...

* * *

זיין בענעפיט

לענדלאָרד: — וואָס הערט זיך עפּעס מיט רענט?

טענענט: — איך וועל אייך געבען נעקסטע וואָך.

לענדלאָרד: — נעקסטע וואָך? וואָס וועט זיין אז איך וועל ניט דערלעבען ביז נעקסטע וואָך?

טענאנט: — דאַן וועט זיין מיין בענעפיט.

* * *

אויף א קאָנצערט

דעקלאמאטאָר: — האָכגעשעצטעס פּובליקום, וואָס א שטיינער ווילט איר איך זאָל פאר אייך זאָגען?

איינער פון פּובליקום: — זאָגט וידוי....

* * *

מען זוכט

אַנקעל: — וואָס־זשע, ס'איז קיינער ניטאָ?

לילי: — אלע זיינען געוואָרען זוכערס: דער טאַטע זוכט א דזשאָב; די מאַמע זוכט רומס; דער זיידע זוכט א פּלאַץ וואו זיין קאָפּ אָנשפּארען אויף דער עלטער; די באָבע זוכט זיך צרות, און וואָס זוכט איר, אַנקעל?

אַנקעל: — איך זוך א דריטע האַנט צו א פּינאָקעל.

* * *

נעבעך

בעריש: — ווייסט מענדעל, אז ווען אונזער לאַנדסמאַן שבתי געהט אין גאַס מיט זיין פרוי, אַזוי דערקענט ער ניט קיינעם.

מענדעל: — אזוי שטאָלץ איז ער דאָס?

בעריש: — וואָס מיר שטאָלץ! עס איז אים נעבעך פינסטער אין די אויגען.

* * *

נישט צו בליימען

סעם: — זעה טשארלי, איך קום צו דיר אַלע מאָל אין הויז, און דיין ווייבעל האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט געטריט מיט א גלאָז טהע!

טשארלי: — בליים זי ניט, סעם, זי האָט ניט קיין „סענס"....

* * *

צווישען לאַנדסלייט

מיסעס שטערן: — העללאָ בעריש, איר ארבעט?

בעריש: — וואָס איז דאָס אייערע ביזנעס צי איך ארבעט, איך באַדאַרף אייך דען סופּאָרטען?

* * *

זי האָט מורא

פּאָטער: — סעי, ליליע, דו גייסט איצט אין דער לייב־רערי?

ליליע: — יעס, פּאַפּאַ.

פּאָטער: — זיי אַזוי גוט, טאָמער זעהסטו דאָרטען שלום אַש'ס „מאָטקע גנב," נעם אים מיט.

ליליע: — איך וויל ניט גיין מיט גנבים, איך האָב מורא!

* * *

זאָלען זיי אויך אַ ביסעל וויינען

בעריש — גייסט טאָקע זיך גט'ן מיט דיין פרוי?

שבתי: — יאָ.

בעריש: — באַטראַכט זיך וואָס דו טוסט, ווייסט דען ניט אַז ווען אַ פּאָר־פאָלק גט'ען זיך וויינען די מלאָכים אין הימעל?

שבתי: — ווען מען אַרט עס? איך האָב זיך שוין פּלענטי אָנגעוויינט, מעגען זיי אויך אַ ביסעל וויינען!

* * *

דערקלערט

ריכטער (צום אָנגעקלאָגטען): — איר באַהויפּטעט אַז ווען איר זייט באַגאַנגען דעם פאַרברעכען, זייט איר געווען שכור. דער עדות אָבער זאָגט אַז ער האָט דאָס ניט באַמערקט?

אָנגעקלאָגטער: — יאָר האָנאָר, ווי אַזוי האָט ער גע־קאָנט באַמערקען, אַז ער איז געווען נאָך מער שכור ווי איך!

* * *

אַ גוטע אורזאַכע

בערל: — פאַרוואָס טאָר אַ חתן אין דער וואָך פון זיין חתונה ניט גיין אַליין?

שמערל: — מען האָט מורא ער זאָל ניט אַנטלויפען....

* * *

אויפ'ן באַרבער'ס טשער

קאַסטאָמער: — מיסטער באַרבער, שוין צייט אַ שאַרף צו טאָן דעם רייזער, ער רייסט געפעהרליך.

באַרבער: — גנעהט שוין געהט! איך האָב שוין היינט מיט דעם זעלבען רייזער געשייווט אפשר 178 קאַסטאָמערס, און קיינער האָט זיך נאָך ניט באַקלאָגט פאר מיר.

* * *

אַ קינד'ס פילאָזאָפיע

לילי: — מאַמע, איז טאַקע אַ קאַטערינקע אַזוי געפעהרליך צו שפּיעלען?

מוטער: — אַנטקעגען וואָס פרעגסטו דאָס?

קינד: — ווייל ווען איך זעה שפּיעלענדיג אויף אַ קאַטערינקע, איז ער אַלעמאָל אַ קאַליקע...

* * *

אריינגעפאלען

שווער (צו זיין איידעם): — פּייוועל, איך האָב ווענען דיר נאָר קיין שיינע זאַכען אויסגעפונען!

איידעם: — איך ווענען אייך אויך דאָס זעלבע.

שווער: — אויב אַזוי, טאָ לאָמיר ריידען פון עפּעס אַנדערש.

* * *

אַ גוטע עצה

לענדלאָרד: — זאָגט נאָר מיסעס בעבלער, וויפיעל מאָל דאַרף איך קריכען צו אייך אויף דעם טאָפּ פלאָר נאָך די אַכט דאָלאַר רענט?

טענענט: — ווער הייסט אייך קריכען? פּיקסט איין אַן עלעוויטער, וועט איר פאָהרען!

* * *

זי קאן ניט אויסקומען

ליליע: — סעי, סילוויע, וואס זעהסטו אזוי שלעכט אויס? קאנסט אודאי מיט דיין מאן ניט אויסקומען.

סילוויע: — אין גענענטייל: מיט מיין מאן קום איך אויס גאנץ גוט. אבער מיט זיינע ווײדזשעס איז מיר שווער אויסצוקומען!...

* * *

זי האט געטראפען

פרוי (אפשטעלענדיג זיך): — הערט יונגערמאן, צייט א האלבע שטונדע האלט איר אין איין נאכלויפען נאך מיר, וואס זאל דאס באדייטען, זייט איר משוגע?

יונגערמאן (דערזעהענדיג איר פנים): — עס ווייזט טאקע אויס אזוי!....

* * *

א ברייטע פעלד

פרעזידענט: — ברודער לאקשפייזער, פארוואס ווילט איר ניט זיין אונזער פאראיין דאקטאר?

פאראיין-דאקטאר: — איך וועל אייך זאגען: אייער סעמעטערי איז קליין, איך דארף א ב ר י י ט ע ר ע פעלד אויף צו ארבעטען...

* * *

א טעלעפאן נומער

שדכן: — די מיידעל איז צו יונג; יענע איז צו אלט; א דריטע צו קלוג — אייגענטליך, וואס פאר א מיידעל זוכסטו?

בחור: — איך זוך א מיידעל מיט א טעלעפאן נומער.

שדכן: — וואס הייסט דאס?

בחור: — 5670 דאלאר נדן זאל זיין דער נומער...

* * *

אין רעסטאראַן

קאַסטאָמערין (צום באָס, נאכדעם ווי דער ווייטער האָט איר נייע דרעס מיט א טעלער זופּ אָפּגעגאָסען): — זעהט נאָר מיין נייע דרעס!

באָס פון רעסטאראַן: — א שיינע דרעס, זי ליגט אויף אייך ווי אויסגעגאָסען...

* * *

שבועות

בעריש: — דו ווייסט עס איז ביי מיר נעכטען געווען שבועות.

שבתי — וואָס הייסט?

בעריש — איך האָב נעקראָגען א ביסעל „גרינס" פון יוראָפּ.

* * *

א געטרייער הויז-קיפּער

טענענט: — מיסטער גאָביטש, וועט איר מיר ערלויבען אויפצוהייננען מיינע נאסע וועש אויף דעם רוף?

הויז קיפּער: — אויף דעם רוף לאָז איך קיין זאך ניט אויפהייננען, א חוץ מיין לענדלאָרד...

* * *

זי ווייסט

טיטשערין: — ליליע, פון וואנען נעמט מען דיימאָנדס, פון ים אָדער פון דער ערד?

ליליע: — דיימאָנדס נעמט מען ביים דזשולערי-פּעדלער אויף אויסצאָלען...

* * *

אזוי לאנג ווי דער נדן

פרוי: — שלמה, פאר אונזער חתונה האסטו מיר געזאגט אז דיין ליעבע צו מיר וועט געדויערען אייביג, און איצט?

מאן: — וואס ווילסטו, וואס? האט דען דער נדן וואס דו האסט מיר געגעבען, אייביג געדויערט?

* * *

א קינד'ס פילאזאפיע

מוטער: — ליליע, וואס עסטו גרינע פיקעלס, דיין בויך וועט דאך דיר וועה טאן!

קינד: — איך עס ניט די פיקעל, איך עס נאר די שאלעכץ פון די פיקעל.

* * *

רומאטיזם

שוויגער: — וואס רופסטו מיך עפעס רומאטיזם, וואס?

איידעם: — ווייל איר האט זיך מיר גוט איינגעגעסען אין די ביינער...

* * *

א פלאן

מעמבער פון באארד אוו עדיוקיישאן: — טשערמאן, 15 טויזענד קינדער האבען דיזען יאר קיין פלאץ אין אונזערע סקולס. וואו זאלען די עלטערען זייערע קינדער שיקען?

טשערמאן: — אין די מואווינג פיקטשורס.

* * *

א קלוגע מיסעס

באדרער: — זאגט נאר מיסעס, פארוואס פארהייגנט איר די פענסטער ווען איר צינדט אן די געז?

מיסעס: — איך טו דאס דערפאר, כדי די געז קאמפאניע זאל ניט זעהן וויפיעל געז איך ברען אויס...

ניט זיין שולד

באָס: — יעדען טאָג קומסטו שפּעט, קאָנסט דיך ניט אויפכאַפּען פריה, אַזוי אַרום דריי אַזייגער?

ארבעטער: — איך קאָן ניט, כ'לעבען איך קאָן ניט! ניי וויס אין מיטען שלאָף אַז עס איז דריי אַזייגער!

* * *

א צוטראָגענער־רעדאקטאר

דינסטמיידעל (צום רעדאקטאר): — הערר רעדאקטאר, אייער פרוי האָט נאָר וואָס געהאָט אַ דריילינג.

רעדאקטאר (אויפגערעגט): — וואַרף זיי אריין אין ווייסט־בעסקעט...

* * *

דאָנ'ט טאָטש הים

אַ חזן איז געפאַלען כורעים, האָט אים דער שמש געוואָלט אויפהויבען, איז צוגעלאָפען דער ספּעשעל אָפיסער און געגעבען אַ געשריי: — דאָנ'ט טאָטש הים! דער חזן מוז ליידען פון די „פאַליגע," וואַרט ביז ער וועט זיך אליין אויפהויבען!

* * *

ווען ער וואָלט געהאַט שכל!

פרוי: — דו האָסט גאָר קיין שכל ניט.

מאַן: — ווען איך וואָלט געהאַט שכל, וואָלסטו דאָך מיין פרוי ניט געווען.

* * *

אַ אידישע טאָכטער

— דזשיזוס קרייסט! איך האָב פאַרגעסען צו בענשען ליכט, העלל וויטה אים! איל בענש די נעז!...

* * *

ניט געטראָפען דעם אָרט

באָי: — מיסטער זויערזאַלץ, איך ליעב אייער טאָכטער ביז צום העכסטען וואהנזין!

פאָטער: — טאָ וואָס ווילט איר פון מיר, ווענדעט זיך אין אַ משוגעים־הויז!

* * *

אזא מין געשמאַק!

פאָטער: — זאָג מיר נאָר, ליליע, וועמען גלייכסטו אַם־בעסטען: שעקספּיער, שיללער, היינע, געטהע, מאָררים ראָזענ־פעלד, צי עדגאַר עלען פּאָו'ן?

טאָכטער: — איך גלייך טשאַרליין.

* * *

ניט קיין אומגליק

פרוי: — סעם, סעם, משה'לע האָט אַ קוואָדער איינ־געשלונגען!

מאַן: — וואָס־זשע מאַכסטו אזא גוואַלד? איך וועל ניט באַנקראָטירען צוליב דעם!

* * *

אַ טאַטע אַ וויצלער

סעם (צו זיין מיידעל): — סעי, ליליע, דיין טאַטע איז אַ גרויסער וויצלער.

ליליע: — אין וואָס דערקענסטו דאָס?

סעם: — ביקאָז דעם נדן וויל ער מיר אויסצאָהלען צו ביסלאַך, און דיך וויל ער אַז איך זאָל נעהמען אינגאַנצען מיט איין מאָהל...

* * *

49

49 איז ווי אלע מאל בעזעצט פון: — מאטעל, איטשע, שאלאשיעדעס, טשוכנע, אויזער, עקספרעס, יודעל קאנער, גראבער קאפ, פישעל, מייסטער, יאסעל...., קוילעטש, טשינקע, את, קניפיקעל, זאליע, נתן באי, בייבי. אט די אלע זיינען פערטיפט אין דעם אקשען פינאקעל וואס ווערט געשפילט פון קעפטען שולץ און פערעץ בוליע. פלוצלונג קומט אריין קעפטען שולץ'ס מיידעלע מיט א געוויין: — פאפא, פליעז, קום אהיים, מאמא איז ווערי סיק!

250 איז געווען זיין ערשטער ביעט.

— פליעז, פאפא, קום אהיים — בעט די מיידעלע.

— 300! — האט ער אויסגעשריען.

די מיידעלע איז אהיים געלאפען, און איז באלד צוריק געקומען און אויסגעשריען: — פאפא, פאפא, מאמא איז טויט!

— טויט?! און איך בעיט, דער טאלאן האט מיך בייד געמאכט!

———o———

ער קאן זיך אויף אים פארלאזען

איידעם (צו זיין פאראיין דאקטאר): — פליעז, הערר דאקטאר, איך וויל אייך בעטען אז איר זאלט אייך געבען די מיהע און מיין קראנקע שוויגער טריטען אזוי ווי עס באדארף צו זיין.

פאראיין דאקטאר: — צאללרייט! איר קאנט זיך אויף מיר פארלאזען! איך וועל אייער שוויגער אזוי טריטען ווי איך האב מיין אייגענע שוויגער, „עליה השלום,“ געטריט....

* * *

אוי מיינע ציין! אוי וועה! צום וועה טוהן זיינען זיי פוירסט קלעס, אבער צום קייען?... נא בארי האום!

אַ שפּיי - קעסטעל

חנא קאַנאַריק האָט געמופּט פון ברום סטריט נאָך ריווער־סייד דרייוו, זיך אויפגעפיקסט אַ הויז מיט לייטען גלייך.

יעדען זונטאג פלעגען צו אים זיינע לאַנדסלייט קומען אים אַנווינשען און פאַר איין גאַנג אַנשפּייען און אַנבראַקען און געהן זייער וועג. צוזעהענדיג דאָס, האָט חנא אַ שפּיי־קעסטעל געקויפט, אַנגעקלעפּט אַ סיין אויף דער וואַנד, וועלכע האָט זיך געלעזען: —

"איך בעט מיינע לאַנדסלייט און פריינד צו שפּייען אין שפּיי - קעסטעל„

איינמאָל אין אַ שבת, האָט קאַנאַריק זיין פאָטער געטראָפען שפּייען אין שפּיי - קעסטעל. ווילד פון אויפרעגונג איז ער צו אים צוגעשפּרונגען מיט אַ געשריי: — טאַטע, טאַטע! וואָס איז דער מער מיט דיר, ביזט קראַנק צו שפּייען אין פראָנט רום, אָדער אין דייניננג רום? ווייסטו דען ניט, אַז דאָס שפּיי־קעסטעל איז נאָר פאַר געסט!...

* * *

ער דאַרף ניט קיין זאַלץ

בערל: — וואָס מיין ווייב קאָכט מיר, איז עס ניט אין מויל אריינצונעמען: קאָכט זי קאַפע, איז עס ניט געצוקערט; קאָכט זי אַ זופּ, איז עס ניט געזאַלצען; קאָכט זי אַ באָרשט, איז עס ניט געפעפערט.

שמעריל: — מיינע קאָכט אויך ניט בעסער, אָבער איך גיב זיך שוין אַן עצה: איז עפּעס ניט געצוקערט, קוק איך אויף מיין שעהנער באַרדערקע אזוי ווערט מיר זיס; איז עפּעס ניט געזאַלצען, קוק איך אויף מיין ווייב, ווערט מיר געזאַלצען; איז עפּעס ניט געפעפערט, קוק איך אויף מיין שווינער, ווערט מיר אזוי ביטער, אַז עס גלוסט זיך מיר אָפּ מיין לעבען.

* * *

אַ ניט פאַרגינער

מיין פריינד ראָזען האָט פאַרקלאָגט זיין באָס פאַר ווײדזשעס און האָט דעם טרייעל געוואונען, האָט זיין באָס די קייס אַפּעלירט אין אין אַ העכערען קאָורט און אויך דאָרט האָט מיין פריינד דעם טרייעל געוואונען. האָט דער באָס די קייס אין העכסטען קאָורט אַפּעלירט און אין דעם העכסטען קאָורט האָט מיין פריינד די קייס פאַרלאָרען.

יעצט באַקלאָגט זיך מיין פריינד אַז אויף דער וועלט איז קיין גערעכטיגקייט ניטאָ.

נאַרישער פריינד ראָזען, ניט פאַרגינער וואָס דו ביזט, דו האָסט צוויי מאָל געוואונען, טאָ לאָז דעם באָס כאָטש איין מאָל געווינען!...

* * *

אַ נייער בעזים קעהרט גוט

נייער פּרעזידענט: — מיינע ברידער, ביז איצט האָט יעדער ברודער גערעדט אין אַ דעבאַטע באַזונדער, פון היינט אָן אָבער, מיינע ברידער, ווען עס וועט זיך עפענען אַ דעבאַטע, וועל איך הייסען אַלע ברידער וועלכע ווילען רעדען דאַפיר און אַלע ברידער וועלכע ווילען רעדען דאַגעגען, אויפשטעלען זיך און רעדען מיט אַמאָל, כדי מיר זאָלען שנעלער פאַרטיג ווערען...

* * *

ער האָט מורא

אַפּערייטאָר: — פאַרוואָס געהט אונזער באָס שטענדיג אַרום ברוגז, אָנגעכמורעט און טוט קיינמאָל ניט אַ שמייכעל?

בייסטער: — ער האָט מורא צו שמייכלען, מיר זאָלען ביי אים ניט בעטען אַ רעיז...

* * *

א מיספערשטענדניס

נייער באָרדער: — ליליע, צייט איך האָב צו אייערע עלטערן אריינגעמופט פיהל איך אז איך בין אוים מענש, וואו איך געה און וואו איך שטעה האָב איך נאָר אייך אין זינען, איך פיהל אז איך וועל עס ניט אויסהאַלטען... אייער... זינגען...

ליליע (געשמייכעלט):—וועלל, רעדט מיט מיינע עלטערן.

באָרדער: — וואָס האָב איך צו טאָן מיט אייערע עלטערן?

ליליע: — איך וועל אָהן זייער צושטימען ניט הייראַטען.

באָרדער: — וואָס פאַר א הייראַטען? וואָס פאַר א צו־שטימונג? איך קאָן שוין ניט אויסהאַלטען פון אייער זינגעכץ און שפּילעכץ, אויב איר וועט ניט סטאָפּען, וועל איך פון זינען אראָפּ!...

* * *

וואָס דען ?

מיין פרוי האָט געהאַלטען אין מיטען סאַפּער מאַכען, האָט איר אויסגעפעהלט עסיג. — געה ארונטער אין דער גראָסערי און ברענג ארויף פאַר א ניקעל עסיג, — האָט זי באַפוילען אונזער פיער־יעהריגען חיים שלום׳ן.

חיים שלום האָט גענומען דאָס ניקעל מיט דעם באָטעל און איז ארונטערגעגאַנגען.

עס איז אוועקגעגאַנגען א האַלבע שטונדע און מיין חיים שלום איז ניט ארויפגעקומען, בין איך ארונטערגעגאַנגען זעהן וואו ער איז.

איך קום ארונטער, טרעף איך אים זיצען אויף דעם סטופּ, עסען קענדי.

— האָסטו געקויפט עסיג? — פרעג איך אים.

— ניין, — ענטפערט ער — איך גלייך ניט קיין עסיג, איך גלייך בעסער קענדי, קענדי איז זיסער ווי עסיג...

* * *

אַ בריעף פון בוקאָווינא

„טייערער מאַן! ווייטער לאַז איך דיר וויסען, אַז ביי אונז אין סטאראזשינעץ, בוקאָווינא, האָבען מיר פיעל געליטען: ווען די רוסען זיינען אריין, האָבען זיי ביי מיר צוגענומען די קוה און מיר איבערגעלאָזט אַ ציעג. דערנאָך זיינען אריין די אוק־ראינער און צוגענומען די ציעג און מיר איבערגעלאָזט אַ הוהן. דערנאָך זיינען אריין די רומענער און ביי מיר צוגענומען די הוהן און מיר איבערגעלאָזט אַן איי.

דיין פרוי זעלדע.“

* * *

ער ווייסט ניט וואָס גוט איז

שדכן: — איך האָב פאַר דיר אַ מיידעל אַן אַנטיק.

באָי: — ווער בעדאַרף אין אזא יקרות אַ מיידעל?

שדכן: — אַז דו וועסט די מיידעל נעמען, וועסטו ניט וויסען פון קיין יקרות, ביקאָס די מיידעל איז מיט אַלעמען באַ־זאָרגט: זי האָט היץ אין קאָפּ; גערשטענס אויף די אויגען; ווילד־פלייש אין נאָז; פימפּעלס אויפ'ן פנים, מאַנדלען אין האַלז; שטיינער אין דער גאַל; צוקער־קראַנקהייט; געז אין מאַגען; היהנער־אויגען אויף איהרע פינגער...

באָי: — מוחל! מוחל! איך וויל ניט אַזא געזונטע, אַזא שטאַרקע מיידעל!..

* * *

אַ שעהנער פּרעזענט

אָפּערייטאָר: — וואָס קויפט מען עפּעס פאַר אונזער פּאַר־מאַן צו זיין געבורטסטאַג?

בייסטער: — לאָמיר אים קויפען אַ שטיקעל פעלד אויף דער וואַשינגטאָן סעמעטערי...

———o———